# UNITED
# Minkowitz-Podolier
# RELIEF

*Journal*

1945

209

COVER

Compliments of

A. M. Perlman, Inc.

*the house of* PRINTS

1412 BROADWAY

New York 18, N. Y.

Inside Cover



# די דאַליע פון אַ רעדאַקטאָר

(אנשטאט אַן עדיטאָריעל)

י. פינקעל

צו זיין אַ רעדאַקטאָר פון אַן איינמאָליקן זשורנאַל ביי אַ סאָסייעטי איז, בין איך זיכער, אַ סך שווערער ווי צו זיין דער רעדאַקטאָר פון דער גרעסטער טעגלעכער צייטונג, אפילו ווי די „טיימז“ למשל.

איך שטעל זיך פאָר, אַז אַ רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג, אָדער פון וועלכן ס'איז זשורנאַל, האָט די אויפגאַבע דורכצוקוקן אַרטיקלען, געבן דירעקטיוון, אָרדערן דעם כאַראַקטער פון אַרטיקל א. אַז. וו., דערצו האָט ער נאָך, מן הסתם, אַ צאָל אונטער־רעדאַקטאָרן און אַזוי אַרויסהעלפער.

דער מינקאָוויצער זשורנאַל, אָבער, האָט אָנגעשטעלט אַ רעדאַקטאָר. (ס'רעדט זיך אַזוי אָנגעשטעלט, ווייל וועלכע סאָסייעטי שטעלט דאָס אָן אַ רעדאַקטאָר, אַז פאַר דעם „דזשאַב“ רייסן זיך דאָך ביים מיטינג אַ טוץ אָדער מער „וועלער“? איז אויף וועמען דעם „טשערמאַנס“ אויג פאַלט, און אויב דער באַטרעפנדער האָט נושא חן געווען ביי אים אין די אויגן, גיט ער אַ קלאַפּ מיטן האַמער און אַ זאָג בזה הלשון: „ברודער אַזוינער און אַזוינער, אַלס טשערמאַן פון דער אָרגאַניזאַציע (אָדער סאָסייעטי) אַפּוינטע איך אייך צו זיין דער רעדאַקטאָר פון אונזער זשורנאַל, איך בין שור און די ברידער און שוועסטער וועלן פּאַזיטיוולי, מיט מיר איינשטימען, אַז איר טויגט זיך אויס דערצו און אַז איר וועט מאַכן אַ גוטן דזשאַב, דאַמיט פאַסירט.)

בשעת מעשה פילט מען זיך געשמייכלט. עפּעס אַ קלייניגקייט — אַזאַ כבוד. דיין נאָמען וועט זיין געדרוקט שוואַרץ אויף ווייס און ביי דער זייט וועט זיין צוגעשריבן דאָס וואָרט „רעדאַקטאָר“. אַנדערע קענען דאָך אַ גאַנץ לעבן דורכגיין און אַזוי ווייט ניט דערגרייכן. עפּעס פילסטו זיך ווי אַ העלד, וועלכער איז נאָר־וואָס געקומען פון אַ גרויסן, זיגרייכן שלאַכט.

ערשט שפּעטער פאַנגען זיך אָן די צרות פון „רעדאַקטאָריי“. אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל דאַרף מען מיטלען. מוז דער רעדאַקטאָר זיך דערמיט אָפּגעבן. מ'דאַרף שרייבן בריוולעך צו די מיטגלידער, זיי זאָלן העלפן זאַמלען באַגריסונגען און אַדווערטייזמענטס. מען דאַרף זיי אָפט דערמאָנען און זיי שרייבן אין אַ ווייכן טאָן, און וואָס ווייכער אַלץ בעסער. די אַלע באַגריסונגען און אַדווערטייזמענטס מוזן איבערגעשריבן ווערן, כדי דער בחור הזעצער זאָל ניט מאַכן קיין „מיסטייקס“ ביים צונויפשטעלן דעם זשורנאַל.

נו, וואָלט נאָך אַלץ געווען צום דערליידן, (וואָס זאָל מען טון, אַז מען איז פאָרט דערהויבן געוואָרן צו אַזאַ הויכן אַמט?) ווייטער אָבער קומט די ריכטיגע „אַטאָם־באָמבע“!

**אַרטיקלען און שרייבערייען פון ברידער און שוועסטער.**

וועלכער איד, איך בעט אייך, קען דאָס ניט שרייבן? האָט איר שוין אַמאָל געהערט אַ סאָסייעטי־טוער זאָל זיך באַקלאָגן, אַז ס'איז אים שווער אָנצושרייבן אַן אַרטיקל פאַר אַ צייטונג, אָדער זשורנאַל? איך האָב נאָך פון אַזאַ פאַל ניט געהערט. נו, רבותי, האָט זיך אַ לאָז געטון אַ שטראָם פון אַרטיקלען! סיי אין פּראָזע, סיי אין גראַמען, סיי זכרונות און סיי איינדרוקן, אפילו עפּיזאָדן האָבן ניט געפעלט, און ערשט געשעענישן? ביי פייגע ביילען אין מינקאָווייץ האָט דער שוחט טרייף געמאַכט אַ גאַנז פונקט ערב חנוכה; ביי יאַנטלען פון אונטער דער בריק האָט אַ פויער זיך פאַרמאָסטן צום שלאָגן, און נאָך און נאָך אַזעלכע גוואַלדאָוונע געשעענישן, וואָס ווען מען זאָל זיי חס ושלום פאַרזען און ניט פאַראייביגן זיי אין זשורנאַל, וועט די ערד זיך אויפהערן דרייען.

נו, איז אַלס רעדאַקטאָר האָב איך אַלץ געמוזט דורכלייענען. אייניגע זאַכן געלייגט צו רעכטס, אייניגע — צו לינקס, אייניגע אויסגעבעסערט און געלייגט אינמיטן.

די פון מיטן זיינען געווען די גליקלעכסטע. די פון רעכטס האָט מען נאָך געדאַרפט אַביסל אַרומפּוצן, און די פון לינקס? אָט מיט די אָ איז געווען צרות. האָב איך צונויפגערופן אַ זיצונג פון זשורנאַל־קאָמיטעט און פאַר זיי פאָרגעלייגט דעם גאַנצן מאַטעריאַל אין מיין באַזיץ און זיי געזאָגט וואָס איך קלייב זיך דערמיט צו טון...

רופט זיך אָפּ אַ „מעמבער“ פון קאָמיטעט: „ברודער פ., איר קענט זיך טאַקע זיין דער רעדאַקטאָר, אָבער קיין דעה איבער די מחשבות פון אונזערע „מעמבערס“ האָט איר ניט, און וואָס און ווי אַזוי זיי שרייבן מוזט איר אַריינהשטעלן אין זשורנאַל.“ און נאָך עטלעכע האָבן זיך אויסגעדריקט פונקט אַזוי אין זעלבן גייסט.

— „שטימען!“ און ביי זיך טראַכט איך, און וואָס וועט טאַקע זיין אַז זיי וועלן שטימען, אַז אַלץ זאָל אַריינגעשטעלט ווערן? אָבער דער גאָט פון קונסט האָט געזיגט, דער ליטעראַרישער מלאך האָט זיך אָנגענומען פאַרן רעדאַקטאָר און ס'איז געבליבן ווי איך האָב פאָרגעשלאָגן, אָבער מען האָט צוגעגעבן אַן „אַמענדמענט“ אין אַזאַ פאָרם: דער רעדאַקטאָר טאָר זיך ניט מישן אין כאַראַקטער פון אַרטיקל, ער זאָל בלויז אויסבעסערן די שפּראַך און טון אַנדערע קלייניגקייטן ביי דעם. — אָט אַזאַ שווערע דאָליע איז אויף מיר אויסגעפאַלן, מיינע פריינט.

ס'האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו זיין אַ רעדאַקטאָר, און מיר דאַכט, איך וועל שוין פאַרזאָגן אַ צענטן.

## The Fate of an Editor

(instead of an editorial)

*Y. Finkel*

I am sure that it is much more difficult to be the editor of a one-time publication issued by a *landsmanshaft* Society than it is to be the editor of the largest daily newspaper, even the "Times" for example. I imagine that it is the duty of a newspaper or magazine editor to look through articles, to issue directives, to establish the character of the articles, and so on and so forth. In addition, he probably has a number of assistant editors and other subordinates.

The Minkovitsker Journal, however, hired an editor. (I use the term 'hired' loosely, since which Society has ever hired an editor when a dozen of volunteers vie for the position [when it is offered] at a meeting? So it falls to whomever the Chairman has noticed, especially if he is in good favor [with the Chairman]. Then he pounds his gavel and says the following: "Brother so-and-so, as Chairman of this organization I appoint you to be the editor of our journal. I am sure that our brothers and sisters will positively agree with me that you are the right person and that you will do a good job in this capacity.")

While this is occurring, one feels complimented. It is no small matter to be so honored. Your name will be printed in black and white and next to it will be the title EDITOR. Others can live their whole lives and not achieve such heights. You feel like some sort of hero, who has just returned victorious from battle.

Only later do the problems associated being an editor begin. In order to publish a journal one has to manage things, so the editor has to deal with that. Letters have to be written to the members to encourage them to get [paid] greetings and advertisements. They have to be frequently reminded in softly-worded notes, the softer the better. All of these greetings and advertisements must be rewritten so that the printer does not make any mistakes when putting the journal together.

Well, all of this would not be so bad (after all, what can one do if one has been elevated to such a high position?) It is only later that the real "atom-bomb" is dropped!

PHOTO

**Articles and Writing of Brothers and Sisters**

Which Jew, please tell me, cannot write? Have you ever heard a Society activist complain that writing an article for a newspaper or a journal was too difficult? I have never heard of such a case. Well, my friends, articles poured in! Both in prose and in poetry: in the form of memoirs and impressions. There was even no lack of anecdotes and [descriptions] of first events. A *shoykhet* in Minkovitsh made one of Feyge Beyle's geese *trayf* right before Khanike; A gentile peasant was about to have a fight with the Yantl who lives under the bridge….and on and on with [descriptions] of such momentous events that were one, G-d forbid, not to immortalize them in this Journal the world would stop turning.

Well, as the editor, I had to read through everything. Some things I put to the right and some to the left; some I corrected and put in the middle. Those in the middle were the most fortunate. Those on the right still needed to be polished a bit. And those on the left? Those were the ones that caused problems. So I called a meeting of the Journal Committee and read them all the materials I possessed and told them what I was going to do with them.

One member of the committee spoke up: "Brother F[inkel], you may be the editor, but you have no authority over the thoughts of our members, and you must include in the journal anything they write no matter how they write it." Others also expressed the same sentiment in the same manner. We had to take a vote, and I thought to myself, what would happen if they voted that everything had to be included? But the god of art won out! The angel of literature was on the side of the editor, and my original suggestion stood. However, they added and amendment in the following form: "The editor may not meddle in the character of an article. He may only correct the language and tone and other trivialities in it." This heavy fate was my lot, my friends.

I wanted to be an editor, and I think that I will avoid it in the future.

## Relief Committee

רעליף-קאָמיטעט



ערשטע ריי, זיצנדיק, פון רעכטס: ב. פעפער, מ. קאנטאר, ב. פינקעל, א. פוירלמאַן, א. עלמאַן, פ. פאַליק, מ. קליגמאַן.
צווייטע ריי, שטייענדיק, פון רעכטס: ס. אדעסמאן, י. אדעסמאן, ס. בעקעלמאן, ע. קליידערמאן, ש. בלינדער, ל. שווייסבערג, ר. יעגער און מ. סטענדערט.
דריטע ריי, פון רעכטס: מ. מיידן, י. דיק, ל. סטילמאַן, דזש. מאנדעל, ב. קליגמאן, מ. געכט און פ. פאַרמאן.
אַפוועזנד: מ. סטילמאן, ד. קיי, ל. סיגעל, י. יעגער און דזש. מעילמאן.

First row sitting from the right: B. Fefer, M. Kantor, B. Finkel, A. Pearlman, A. Elman, F. Faleck, M. Kligman.

Second row standing from right: S. Adesman, I. Adesman, S. Bekelman, E. Klayderman, Sh. Blinder, L. Shweisberg, R. Yeger and M. Stendert.

Third row from the right: M. Meydn, I. Dik, L. Stilman, J. Mandel, B. Kligman, M. Gekht and F. Forman.

Missing: M. Stilman, D. Kay, L. Siegal, I. Yeger, and J. Meylman.

# אונזערע טוער

### פון פרענק פאַלעק

פון צוויי און צוואַנציג מיטגלידער באַשטייט דער עקזעקוטיוו קאָמיטעט פונ׳ם פאַראייניגטן מינקאָוויצער רעליף.

דער גאַנצער קאָמיטעט אַרבעט פאַרן דערפאָלג פונ׳ם רעליף, ווער מער, ווער ווייניגער, אָבער מען אַרבעט. ווען מען רעדט וועגן וויכטיגע טוער, זאָגט זיך די עקזעקוטיווע אַלעמאָל אַרויס לטובת דער ברייטער מיטגלידערשאַפט, און מיט רעכט.



די וויכטיגסטע טוער זיינען די אַלגעמיינע מיטגלידער. זיי זיינען דער באָדן און דער בוי־מאַטעריאַל, זיי זיינען דער עיקר. אָן די צוויי עלעמענטן קאָן דער גרעסטער אַרכיטעקט גאָרניט אויפטאָן. די עקזעקוטיוו מאַניפולירט מיט די צוויי עלעמענטן, אָבער דער הויפט־אַרכיטעקט איז די גרופּע פון די פינף באַאַמטע: דער פּרעזידענט, דער וויִס־פּרעזידענט, דער רעקאָרדינג סעקרעטאר, דער טרעזשורער און דער פינאַנץ און קאָרעספּאָנדענץ סעקרעטאר. די פינף דאַרפן פּלאַנירן די אַרבעט און דער גאַנצער קאָמיטעט דאַרף זיי דורכפירן.

דער פּרעזידענט, אברהם פּוירלמאַן, איז זייער אַ פאַרנומענער מענטש און ער קאָן ניט זייער אָפט באַזוכן די פאַרזאַמלונגען. קאָן מען דאָך מיינען, אַז ער קומט בלויז אָפּ מיט גרויסע ביישטייערונגען? לאָזט זיך אויס, אַז צו קיין צוזאַמענקונפט פעלט ניט זיין וואָרט. ער שיקט איבער זיין עצה, אָדער זיין איינפאַל, מיטן סעקרעטאַר.

ווען ער, א. פּוירלמאַן, זיצט ביי זיין דעסק, פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן, נוצט ער אויך זייער אָפט דעם טעלעפאָן פאַר רעליף־אַרבעט. אויב עס געפינט זיך אַ האַרטער לאַנדסמאַן, וועמען ער קאָן באַווירקן לטובת דעם רעליף, וועט ער שוין זיינע געשעפטן אָוועקלייגן אויף אַ ווײַלע און וועט דאָס טאָן. דורכן טעלעפאָן האָט ער געשאַפן שיינע עטלעכע בלעטער באַגריסונגען פאַרן זשורנאַל. אין אַ קליידער־קאַמפּעין, ווען מען האָט צונויפגענומען קליידער און שיך צו שיקן קיין מינקאָוויץ, איז אַחוץ דעם דעם וואָס ער האָט געגעבן אַ טראָק צו פאָרן צוזאַמענעמען די שיך און די קליידער, האָט ער דאָס אַלטוואַרג אַריינגענומען צו זיך אין דעם ווערהויז, אַ ווערהויז פון זיידנס, און געלאָזט דאָס פּאַקן אין זעק און דאָס געהאַלטן ביז דער אידישער קאונסיל האָט דאָס פאַרנומען. דאָס איז שוין ניט בלויז קיין אידעלע אַרכיטעקטור, — דאָס איז פּשוט׳ע האָרעפּאַשנע אַרבעט אויך.

דער וויִס־פּרעזידענט, מאָריס קענטאָר, איז אַ מענטש מיט אַ גרויסער דערפאַרונג אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און נוצט עס אויס הונדערט פּראָצענט אין דער רעליף־קאָמפּאַניע. ער איז אַן אומדערמידלעכער טוער, און וואו מען פאַרזייט אים ניט דאָרט וואַקסט ער אויס. אַבי ער ווייסט נאָר אַז ער וועט עפּעס קאָנען טאָן פאַרן רעליף.

ווערט ער, מ. קענטאָר, באַשטימט אין אַ קאָמיטע (עס רעדט זיך אַזוי, אַ קאָמיטע) אין וועלכער קאָמיטע איז ער ניטאָ? ווייסט מען שוין, אַז די אַרבעט וועט זיכער אָפּגעטאָן ווערן. ווייל ער האָט ניט קיין טבע צו וואַרטן אויף די אַנדערע קאָמיטע־לייט. ער גייט און טוט די אַרבעט. און קיין דאָנײשאָן אָדער באַגריסונג דאַרף מען ביי אים אויך ניט בעטן. ער גיט מיט דער פולער האַנט. עס איז אַ פאַרגעניגן מיט אַזאַ מענטשן צו אַרבעטן.

צוויי פרויען פאַרמאָגן מיר צווישן די באַאַמטע, זיינען זיי אַ שיינדליג. ביי רבקה יעגער, די פּראָטאָקאָל סעקרעטאַרן, זיינען די פּראָטאָקאָלן אַ ביי־זאַך, כאָטש זי שרייבט זיי אָן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט. זי פרעגט זיך רק נאָך אויף אַרבעט. זי קאָן אָפּגעבן טעג צו זוכן לאַנדסלייט און זיי פאַראינטערעסירן אין דעם רעליף. ווען זי האָט שוין אַרבעט איבערן קאָפּ, שלאָגט זי פאָר, אַז מען זאָל איר געבן נאָך אַרבעט. זי דאַרף, זאָגט זי, סיי־ווי זיין אין ניו־יאָרק, וועט זי שוין דאָס אויך טאָן.

דער חשק צו דער אַרבעט פאַרן רעליף נעמט זיך ביי איר, רבקה יעגער, פון דעם, וואָס זי פאַרמאָגט זייער אַ שטאַרקע ליבשאַפט צו איר געבורטשטאָט און זייער אַ גרויסע אַכטונג פאַר מענטשן. זי איז אַ מענטשלעכער מענטש.

ביילע פינקעל, די פינאַנץ און קאָרעספּאָנדענץ סעקרעטאַרן, און וואָס ניט? — איז ביי די מינקאָוויצער אַ שם דבר: זי איז די נשמה פונ׳ם רעליף. זי איז, דאַכט זיך, געבוירן געוואָרן, בלויז, צו זאָרגן פאַר אירע מיטמענטשן. מיט כבוד און מיט ליבשאַפט דערמאָנט זי יעדער מינקאָוויצער. און עס איז קיין וואונדער ניט.

נאָך אין די סטודענטישע קליידער, ווען מיידלעך, ספּעציעל פון קליינע שטעטלעך, שטאָלצירן אַזוי מיט זייערע אוניפאָרמען, אַז עס איז צו זיי ניט צוצוטרעטן, האָט ביילע מקרב געווען אַלע וואָס האָבן צו איר אַרויפגעקוקט.

ווען פּליטים זיינען געלאָפן פון דער אוקראַינע איבערן דניעסטער אויף קידוש השם, צו ראַטעווען זיך פון פּעליוראס, דעניקינס און מאכנאס פּאָגראָמשטשיקעס, און ביילע האָט דעמאָלט געוואוינט אין בעסאַראַביע און איז געווען איינפלוסרייך, האָבן מיר דאָ געהערט, אַז איר הויז איז געווען אַ בית מקלט לפּליטים. און צו יעדן מינקאָוויצער בעזשעניץ איז די יונגענקע ביילע געווען ווי אַ מאַמע. מיט דעם זעלבן פייער, מיט דער זעלבער

## Our Activists

by Frank Faleck

The board of the United Minkovits Relief Committee consists of twenty-two members.

The whole committee works for the success of this relief [project], some more, some less, but they work. When one speaks of important activists, the board always says that the whole membership participates, and they are right.

**[Photo:**

**Frank Faleck]**

The most important workers are the general membership. They are the foundation and the building material; they are the essence. Without these two elements, the greatest architect cannot accomplish anything. The board utilizes these two elements, but the main architect is the group [sic] of our five office holders: the president, the vice-president, the recording secretary, the treasurer, and the finance and corresponding secretary. These five have to plan the work and the rest of the committee must carry it out.

The president, Abraham Perlman, is a very busy person and it is not often that he is able to come to meetings. So one might think that he only donates large sums of money. But it seems that his words represent him at every gathering. He sends his advice or his ideas with the secretary.

When he, A. Perlman, is sitting at his desk doing business, he very often uses the telephone for relief work. If there is a devoted *landsman*, who might be convinced to donate to the relief work, he puts his business dealings aside for a while and will attend to that. Via telephone he has already gotten several pages of greetings for the journal. If a clothing company has gathered clothing and shoes to send to Minkovits, in addition to providing the truck with which to transport the shoes and clothing, he also took all this second-hand stuff into his silk warehouse and had it packed up in sacks and kept it until such time as the Jewish Council could take it. This is not just a theoretical architect—this is a hard worker as well.

The vice-president, Morris Cantor, is a very successful businessperson and uses 100% of [his talents] in the service of the Relief Committee. He is a tireless worker, and appears even where you do not expect him to be, as long as he knows that there is something he can do for the relief [project]

Once he, M. Cantor, is appointed to a committee, whatever committee it might be (and I use the term committee loosely), one can be sure that the work will get done, because it is not his nature to wait for the other committee members. He just goes and does the work. Nor is it even necessary to ask him for a donation or a [paid] greeting. He gives with an open hand. It is a pleasure to work with such a person.

There are two women who hold positions, and they are our shining stars. To Rivka Yeger, our protocol secretary, the protocols are really secondary, although she writes them with absolute accuracy. She always asks for more work. She can spend days tracking down people from Minkovits and interesting them in the relief work. When she is up to her neck in work. She suggests that even more work be given to her. She says tha[t] she has to be in New York anyway, so she'll do that too.

Rivka Yeger's desire to work stems from the great love she has for the town of her birth and a great respect for people. She is real people person

Beyle Finkl, is the finance and correspondence secretary and what isn't she? She is well known t[o] Minkovitsers. She is the soul of the relief work. I[t] seems to me that she was born to work about her fellow man. She mentions every person from Minkovits with respect and affection. And it is no wonder.

While still in her student uniform, at a time when girls, especially young girls, are so inordinately proud of their uniforms that one cannot even talk to them, Beyle befriended everyone who looked up to her. [sic]

When Ukrainian refugees on the other side of the Dneiper River were being killed in the pogrom instigated by the Pelyuras, Denikins and Makhnas, those who managed to escape often made their wa[y] to Beyle's house in Besarabia. She had some influence at the time and we hear that her house had become a city of refuge for those escaping persecution. And Beyle was like a mother to ever[y] young refugee. With that same enthusiasm, the same [unflagging]

טעמפּאָ האָט זי זיך דאָ איצט אַריינגעוואָרפן אין דער רעליף־אַרבעט, און עס איז ניטאָ קיין איין זאַך אינ׳ם רעליף, אַז עס זאָל דורך אירע הענט ניט דורכגיין.

איר ערלעכקייט, איר איבערגעבנהייט, און איר פעאיגקייט זיינען, אַפּנים, די עמודי האש, וואָס באַלייכטן איר דעם וועג אין דער נאָבעלער אַרבעט. אַנדערש ווי וואָלט זי געקאָנט פיזיש אַזוי פיל טאָן

רעדאַקטאָרס אָנמערקונג:

דער שרייבער פון דעם אַרטיקל איז זייער באַשיידן. ער איז דער טרעזשורער און האָט אודאי ניט געוואָלט שרייבן וועגן זיך אַליין.

ער איז זייער אַ שטילער און באמת רואיגער מענטש. מען באַמערקט אים קוים. אַחוץ צו אַ מאַסן־מיטינג, אַן עקזעקוטיוו מיטינג, אַן אראַנדזשמענט קאָמיטע מיטינג, אַ זשורנאַל קאָמיטע מיטינג, אָדער גלאַט אַזוי וואו צוויי אָדער מער מינקאָוויצער קומען זיך צוזאַמען פּלאַנירן רעליף אַרבעט, זעט מען אים אין די אויגן ניט אָן, און אַחוץ דעם וואָס ער פירט דורך בשלמות וואָס ער נעמט אויף זיך ביי די מיטינגען, ווען ער איז אפילו זייער שטאַרק פאַרנומען אין זיינע אייגענע געשעפטן, טוט ער ניט קיין האַנט אין קיין קאַלט וואַסער — אָט, אַזאַ מענטש איז ער.

אָט דאָס זיינען אונזערע טוער און דאָס זיינען אונזערע באַאַמטע.

---

# אַ בריוועלע פון מינקאָוויץ

## דזשעק מאַנדעל

איך, מינקאָוויץ, וואָס בין אייער היים געווען
און האָב אין אייך צרות און נחת געזען, —
כ׳האָב צו אייך אַ גרויסע טענה:
ליבע און טייערע קינדער מיינע.

אַוועק זענט איר פון מיר,
שוין יאָרן אָן אַ שיעור;
שוין צייט כ׳לעבן זיך דערמאָנען,
אַז ס׳איז אויף דער וועלט אַ מינקאָוויץ פאַראַנען.

כ׳בענק נאָך אייך אַצינד,
ווי אַ מאַמע נאָך אַ קינד;
איך האַלט פון אייך נאָר אין איין קלערן,
פאַרוואָס לאָזט איר פון זיך ניט הערן?

איך בין איצט קראַנק און שוואַך,
און צעשטערט איז מיין באָדן און מיין דאַך;
ווען איר זעט מיך אַצינד,
וואָלט איר געוויינט ווי אַ קינד.

נעמט־זשע קינדער זיך צוזאַמען,
און טוט אַ טראַכט פון אייער מאַמען;
צו וועמען קאָן איך זיך ווענדן אַצינד,
אויב ניט צו אַן אייגן קינד?

כ׳האָב אייך, אמת, ניט געגעבן קיין פּאַטראַוועס,
ווייל כ׳האָב פשוט ניט געהאַט —
כ׳בעט אייך, ליבע, קינדער, אויך ניט קיין פּאַטראַוועס —
שיקט מיר עפּעס, וואָס איר האָט.

# אַ בריוועלע קיין מינקאָוויץ

## דזשעק מאַנדעל

מינקאָוויץ מיין ליבע, היים־שטאָט פון אַמאָל,
פאַרגליווערט ווערט דאָס בלוט ווי אייז
פאַרגליווערט ווערט דאָס בלוט ווי אייז
פאַר געבן אַזאַ גרויסן פּרייז.

ווען דו זאָלסט נאָר וויסן,
ווי מיין האַרץ ווערט מיר צעריסן;
פון מיטגעפיל צו דיר,
און זאָרג גאָר אָן אַ שיעור.

כ׳פיל דיין ווייטאָג און דיין פּלאָג,
סיי ביינאַכט און סיי בייטאָג;
זינט איך בין פון דיר אַוועק,
האָסטו געהאַט צרות אָן אַן עק.

פריער דעניקען און פּעטליורא,
און דערנאָך אַ גרעסערע צרה;
אָבער די רויטע אַרמיי האָט דיך באַפרייט,
אידן, קריסטן, זייט ביי זייט.

איז נאָך דאָ די שיינע נאַטור אַרום דיר?
וואָס איז געווען דאָס לעבן ביי מיר;
קאָקעטירסטו נאָך מיט דיינע וועלדער?
בליען שוין ביי דיר די פעלדער?

מיר זיינען גרייט דיר צו העלפן, מיר זוכן בלויז אַ וועג.
מיר האָבן קיין געדולד ניט, מיר ציילן שוין די טעג;
ווען די צייט וועט קומען, און פאַרשווינדן וועט די וואַנט.
מיר וועלן דיר, מאַמע, העלפן מיט דער פולער האַנט.

tempo, she threw herself into the relief work, and there is not one thing involved with this work that has not gone through her hands.

Her integrity, her devotion, and her capabilities are, it seems, the pillars of fire, [1] which illuminate her path in doing this noble work. How else could she physically accomplish so much?

**Editor's Obsevation:**

The writer of this article is very modest. He is the treasurer and, of course, did not want to write about himself.

He is a very quiet and truly peaceful person. One hardly notices him. One barely sees him unless it is at a mass meeting, a board meeting, a steering committee meeting, a journal committee meeting or simply when two or more Minkovitsers get together to plan relief work. And even if he is very busy doing his own work, he does everything he commits to at these meetings and does it perfectly. That's what kind of person he is.

This is what our members are like and this is what our office-holders are like.

---

## A Letter To Minkowitz by Jack Mandel

Minkovitz dear-my home city from one time
My blood congeals like ice
My blood congeals like ice
For giving such a great prize

When you should only know
That my heart is torn
With feeling for you
And worries without end

I feel your pain
Every day and night
Since I went from you
Had sorrows without end

Is there still a lovely nature around you
Which was my life for me
Are you showing off your woods
Are your field blooming

We are ready to help you
We simply seek a way
When the time will come
And the walls will disappear
We will help you mother
With our full hands

## A letter from Minkovitz by Jack Mandel

I, Minkoviz which was our home
And saw your sadness and joy
I have a great complaint
My dear beloved children

You went away from me
Already years without end
Long time with memories
Time remembers there was a Minkovitz

I still long for you in the present
Like a mother for a child
I wait for only one thing
Why do I not hear from you
I am old and weak
And destroyed in bone and heart

When you see me this way
You would cry like a child

Children come together
And give a thought to your mother
To whom can I turn
If not to my child

Truly I did not give you sustenance
Because I had nothing to give
I beg you dear children not for any sustenance
Send me something you have.



[1] The pillars of fire are what illuminated the Israelites' journey though the desert. [Trans.]

# איך ווער אַ קאָלומניסט

פון מאָריס קאַנטאָר

לויט די לעצטע פאַרטרויענסווערטע קוואַלן, קאָן איך אייער רעפּאָרטער באַריכטן, אַז שבת אָוונט, דעם 15־טן דעצעמבער, 1945, וועלן זיך אַלע מינקאָוויצער לאַנדסלייט און פריינט פאַר־זאַמלען צו פייערן אַ יובילעאום־באַנקעט פון זיג איבער אונזערע שונאים. אונזער פּרעסע פאַרזיכערט אונז, אַז דער היטלעריזם און יאַפּאַניזם איז פאַרניכטעט. קיין שלום אָבער אויף דער וועלט זעט זיך ניט. ניט אַנדערש, אַז עפּעס איז ניט גלאַט.

ווען מען פרעגט מיך ווי אַזוי דער באַנקעט דאַרף זיך אין דער אמת׳ן רופן, וואָלט איך בנאמנות געזאָגט: דער באַנקעט



פון רעטונג! אָט אַזוי דאַרף מען אים באַצייכענען. נאָר אַפּנים אַז ביי רעפּאָרטערס און קאָלומניסטן פרעגט מען ניט קיין עצות.

פון גאָר אַ פאַרלעסלעכן קוואַל האָט מען מיר פאַרזיכערט, אַז דער באַנקעט פאַרשפּרעכט צו זיין איינער פון די שענסטע. ניט נאָר וועט מען ביי שיין־געדעקטע טישן אויך דערלאַנגען געשמאַקע מאכלים צום עסן, טייערע מוזיק וועט שפּילן, און אַ קיילעכדיגס וועט מען גיין, עס וועט זיין ליהודים — וואָס־זשע פרעגט איר איז דאָ דער טאַראַראַם? כאַפּט־זשע ניט, אויסגע־שעפּט האָט זיך דערמיט נאָך ניט. עס איז אַ סברא, דאָס בעסטע וועט מען ערשט באַקומען שפּעט אין אָוונט.

לויט דער אינפאָרמאַציע פון מיינע קאָלעגן שרייבער, קאָ־לומניסטן, קאַרטוניסטן, היסטאָריקער און גלאַט קינסטלער פון זשורנאַל, וועלכע שווערן ביי זייערע פּראָפעסיעס, אַז אַזאַ מתנה ווי דער זשורנאַל, וואָס איר וועט דערהאַלטן אין זאַל, האָבן נאָך די מינקאָוויצער מיטגלידער פון רעליף, ווי אויך זייערע פריינט, ניט באַקומען זינט די וועלט שטייט. עס איז אַן אוצר פון גייסטיגן און עסטעטישן גענוס. ניט נאָר איז דאָרטן דאָ וואָס צו לייענען, עס איז אויך דאָ וואָס צו באַוואונדערן. בקיצור, עס איז אַ היס־טאָרישער דאָקומענט, אַן אָפּענער בוך, אַ סאָשעל רעדזשיסטער, וואָס וועט אייך דערציילן, אַזוי צו זאָגן, ווער איז ווער.

די זשורנאַל קאָמיטע, גיט מען איבער, זוכט מיך אַרום ווי מיט ליכט. דער זשורנאַל, זאָגן זיי, איז כמעט באַזאָרגט מיט אַלע פּיטשורס. אַלץ וואָס זיי פעלט איז נאָר אַ רכילות־קאָלום, אַלאַ ווינטשעל. זיי שווערן זיך ביי זייערע באָרד און פאות, אַז צו דעם בין איך ווי געוואונטשן. — יאָ, כרעג איך, זאָלן זיי מיר מוחל זיין, זיינען זיי ניט טשיקאַגאָ׳ער מענטשן? קוים באַשליסן זיי עפּעס, העלפן ניט קיין שום אַרגומענטן. דערהערט אַזאַ זוכעניש — אַ היימישער מענטש בין איך, ווי זאָגט איר עפּעס, אַן אייגענער, בין איך אַוועק אַ פאַרסאָפּעטער אין רעדאַקציע, און מיט אַ פאַר־כאַפּטן אָטעם אַ פרעג געטאָן: וואָס איז די זוכעניש אַזוי? — אַ שאלה ער פרעגט דאָס! — האָט מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויפן פּנים דער רעדאַקטאָר געענטפערט, שטאַרק צופרידן דער־מיט וואָס ער האָט מיך דערטאַפּט — נו, זעץ זיך צום דעסק און גרייט צו דעם קאָלום. — דערהערט אַזאַ לשון פון׳ם בעל־דבר איז מיר געוואָרן קאַלעמוטנע. איך טענה צו אים, גיב אים צו פאַרשטיין, אַז איך בין ניט דער פּאַסיגער מענטש פאַר אַזאַ איידע־לער אַרבעט ווי ווערן אַ קאָלומניסט. אָבער אומזיסט מיינע רייד. דער גאַנצער סטעף האָט מיך באַפאַלן, באשר, איך בין אַ לאַנג־יעריגער מיטגליד פון מינקאָוויצער רעליף, אַ כל ולך, קען יעדן אויסגעבונדן, מיט אַלעמען אַ פּאַני בראַט, און ווייס האָ איז האָ. בכן, איך וועל שוין דערלאַנגען דעם נויטיגן מאַטעריאַל, דעלי־ווערן די גודס הייסט עס. הלמאי לייקענען, פאַר אייך, ליבע לעזער, וועל איך דעם סוד מגלה זיין: עס איז דאָ וואָס צו דער־ציילן פון אונזערע פּני, איך מיין זיי, די פּראָמינענטע.

ווען די רעדאַקטאָרשע אונזערע זאָל וויסן אַז זי איז די ערשטע אויפן צימבל, פאַרזיכער איך אייך, אַז זי וואָלט מיך פאַר דעם קאָלום ניט אָנגעשטעלט. פּליעז, מאַכט זיך ניט תמ׳עוואַטע! איר ווייסט אַז איך מיין דאָ אונזער זייער געאַכטעטע בעלאַ פינקעל. מיט גאָלדענע אותיות דאַרף איר נאָמען אַוועקגעשטעלט ווערן אויבנאָן, איינגעקריצט אין האַרצן דאַרף זי ביי יעדן זיין. זי איז די עלעקטרישע טרייבקראַפט פאַרן מינקאָוויצער רעליף. וויפיל רכילות איך זאָל וועגן איר ניט פאַרשפּרייטן, איז דאָס אין פאַרגלייך צו איר אַרבעטזאַמקייט פאַר ראַטעווען אָט יענע פאַרוואָגלטע, אַ טראָפּן אין ים. בעלאַ פינקעל, עז מאַי טשיעף, אַי סאַלוט יו!

אַזוי איז שוין די טבע פון אַ רכילות׳ניק. האָט ער זיך אַריינ־געלאָזט אין דעם פאַך, איז זיך אים שווער אָפּצוגעוואוינען פון דעם. אַז איך האַלט שוין אין דערציילן פאַר אייך, מיינע ליבע לעזער, פון מיין קאָלום, מעגט איר שוין דאָס אויך וויסן. וואָס מיר זאָלן ניט דענקען וועגן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, מיט אַלע זייערע רויבערישע אַפּעטיטן, קאָן מען דאָך געפינען צווישן זיי ערלעכע געשטאַלטן. אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי אונזער פריינט און לאַנדסמאַן אייב פּערעלמאַן איז, מעג מען זאָגן אויף אים להבדיל. ער פאַרדינט אונזער אַלעמענס לויב, ניט נאָר אַלס אַלגעמיינער נדבן, ספּעציעל צו אונזער רעליף, האָט ער אַרויסגעוויזן מענטש־לעכע געפילן — אַ דאַנק אים האָבן מיר באַקומען די דערמוטיגונג אָנצוגיין מיט אונזער נאָבעלער אַרבעט.

טייערע לעזער פון זשורנאַל, אַזוי ווי איר זענט מענטשן

I BECOME A COLUMNIST by MORRIS KANTAR

ABOUT THE LAST TRAGIC EVENT, THIS REPORTER CAN TELL YOU WHAT WILL HAPPEN. ON SATURDAY EVENING THE 15TH OF DECEMBER ALL THE MINKOVIST MEMBERS AND FRIENDS WILL GATHER FOR A JUBILEE BANQUET OF TRIUMPH OVER OUR ENEMIES. THE PRESS ASSURES US THAT GERMANY AND JAPAN ARE FINISHED. HOWEVER WE DO NOT YET SEE PEACE IN THE WORLD. NOTHING IS DIFFERENT. EVERYTHING IS THE SAME.

WHEN I AM ASKED WHAT THE BANQUET SHOULD TRUTHFULLY BE CALLED, I WOULD SAY, "THE BANQUET OF RESCUE". THIS IS WHAT IT SHOULD BE CALLED. REPORTERS AND COLUMNISTS DO NOT ASK FOR ADVICE.

I AM ASSURED THAT THE BANQUET WILL BE THE MOST BEAUTIFUL. NOT ONLY WILL THERE BE TABLES WITH DELICIOUS FOOD, BEAUTIFUL MUSIC WILL BE PLAYING, AND DANCING IN CIRCLES. WHAT, YOU MAY ASK ME IS ALL THE FUSS. DON'T RUSH ME. I AM NOT READY YET. IT WILL COME LATE IN THE EVENING.

ACCORDING TO INFORMATION FROM MY COLLEAGUE WRITERS, COLUMNISTS, CARTOONISTS, HISTORIANS, AND ARTISTS OF THE JOURNAL, WHO SWEAR BY THEIR PROFESSION, THAT SUCH A GIFT AS THE JOURNAL, WHICH YOU WILL RECEIVE IN THE HALL, STILL HAS THE MEMBERS OF THE MINKOVITZ RELIEF, AND ALSO THEIR RELATIVES AS READERS. NOTHING LIKE IT EXISTS IN THE WORLD. IT IS A TREASURE OF SPIRITUAL AND AESTHETIC BEAUTY. NOT ONLY ARE THERE THINGS TO READ, THERE ARE ALSO THINGS TO WONDER ABOUT. IN BRIEF IT IS A HISTORIC DOCUMENT; AN OPEN BOOK. A REGISTER WHICH WILL TELL YOU, SO TO SAY, WHO IS WHO.

THE JOURNAL COMMITTEE ENLIGHTENS. IT IS CONCERNED WITH EVERYTHING, AND HAS MANY FEATURES. THE ONLY THING LACKING IS A GOSSIP COLUMN, ALA WINTCHELL. THEY SWEAR BY THEIR BEARDS AND EARLOCKS, THAT IS THE JOB FOR ME. YES, I ASK THEM TO FORGIVE ME. ARE YOU NOT CURIOUS PEOPLE. SCARCELY HAD THEY AGREED ON SOMETHING AND THEY DID NOT WANT ANY ARGUMENT. HAVE YOU HEARD OF SUCH A THING. I AM A SIMPLE MAN, WHAT ARE YOU SAYING. I AM MY OWN PERSON I SAY TO THE EDITOR. ALMOST BREATHLESS I ASK THEM WHAT ALL THE EXCITEMENT IS. WITH A BIG PLEASED SMILE ON HIS FACE, THE EDITOR ANSWERS HE IS VERY PLEASED THAT HE ASKED ME TO DO A COLUMN AND TELLS ME TO SIT DOWN AT THE DESK AND PREPARE THE COLUMN. HEARING THIS MAKES ME IRRATIONAL. I COMPLAIN TO HIM. I SAY THAT I AM NOT THE PROPER PERSON FOR THIS. BUT MY TALK IS WASTED. THE ENTIRE STAFF JOINS IN. YOU ARE A LONG TIME MEMBER OF THE MINKOVITZ RELIEF. I WILL GET YOU ALL THE NECESSARY MATERIAL. READERS,- I WILL TELL YOU THE END OF THIS STORY.

IF THE EDITOR KNEW THAT SHE WOULD BE THE FIRST PERSON I WOULD WRITE ABOUT, MAYBE SHE WOULD NOT HAVE ASKED ME TO DO THIS COLUMN. PLEASE, DON'T BE CYNICAL. I AM SPEAKING OF OUR OWN BELLA FINKEL. HER NAME SHOULD BE WRITTEN WITH GOLD LETTERS. SHE MUST BE ENGRAVED IN EVERY HEART. SHE IS AN ELECTRIC DRIVER FOR THE MINKOVITZ RELIEF. SHE OUTRANKS EVERYONE IN HER EFFORTS AND I SALUTE HER. I WOULD NEVER SPREAD GOSSIP ABOUT HER.

THIS IS THE CHARACTERISTIC OF A GOSSIP MONGER, ONCE HE ALLOWS THAT TO BE KNOWN ABOUT HIM, HE CAN NEVER LIVE IT DOWN. MY DEAR READERS OF MY COLUMN, YOU SHOULD KNOW THIS. WHAT WE THINK ABOUT THE CAPITALIST CLASS WITH ALL THEIR THIEVING WAYS. CAN WE FIND AMONG THEM SOME EXCEPTIONS? SUCH A PERSONALITY AS OUR DEAR FRIEND AND LANDSMAN, ABE PEARLMAN. WE CAN SAY ABOUT HIM THAT HE IS SUCH AN EXCEPTION. HE RECEIVES EVERYONE'S RESPECT AND LOVE. NOT ONLY IS HE GENEROUS. ESPECIALLY FOR THE RELIEF FUND, BUY HE DEMONSTRATES HUMAN FEELING. HE EARNS OUR THANKS FOR ALLOWING US TO CONTINUE OUR WORK.

DEAR READERS OF THE JOURNAL I KNOW YOU WILL EXTEND EVERY POSSIBLE COURTESY TO ME A WRITER FOR THE JOURNAL WHO SOMETIMES WRITES AN ARTICLE IN THE *FRYHYTE,* WHICH PAYS HIM MONEY, GIVES IT TO MINKOVITZ RELIEF. DOES HE NOT DESERVE A SALUTE FROM US. I WANT TO TALK OF MY FRIEND LOUIS STILLMAN, WHO WAS THE FOUNDER OF THE MINKOVITZ RELIEF. NOW I ASK YOU, ISN'T HE ANOTHER PERSON THAT DESERVES OUR

RESPECT AND PRAISE. WHAT YOU CANNOT SAY ABOUT HIM IS THAT HE DOES NOT DO HIS UTMOST. WHEN THERE IS NECESSARY WORK HE DOES IT WITH PLEASURE. I TIP MY HAT FOR YOU MR. STILLMAN.

MY COLUMN IN THE JOURNAL WILL END, IF I DO NOT PASS MUSTER WITH YOU. AND I MEAN THIS MY MUSKOVITZER FRIENDS AND COLLEAGUES

YOU ARE THE VANGUARD AND DESERVE A GREAT THANKS FOR YOUR HELP. IF IT WERE NOT FOR YOU THE ENTIRE THING WOULD NOT BE WORTH A PUFF OF SMOKE. AND WHILE WE ARE SITTING HERE AT THE NICE COVERED TABLES AND EATING A DELICIOUS MEAL, LET US NOT FORGET FOR ONE MOMENT OUR BROTHERS AND SISTERS IN THE OLD HOME MINKOVITZ, WHO ARE HUNGRY, WITHOUT A ROOF OVER THEIR HEADS. THAT WE, HAPPY IN THE GOLDEN LAND. MUST STRETCH OUT A HELPING HAND. OUR GOAL IS NOT YET SATISFIED. THERE IS STILL MUCH TO DO. OUR WORK MUST CONTINUE. LET US HOPE THAT THE SOVIET FARBAND WILL MAKE IT POSSIBLE FOR DOORS TO BE OPEN SO THAT WE MAY HELP THE NEEDY, HUNGRY AND NAKED.

וואָס קאָנען האַלטן אַ סוד, בין איך איבערצייגט, אַז אַלס העפלעכקייט צו מיר וועט איר מיין קאָלעגע ניט איבערגעבן. אַנטפּלעקן פאַר אייך גיי איך דאָ עפּעס וואָס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן. אודאי ניט שיין איז עס פון מיין זייט, עס דרייט זיך אַרום אַ בחור, אַ פרייער פויגל, חתונה האָבן וויל דאָס ניט, זינגען זינגט עס אויף אַלע קאָנצערטן, אַ שרייבער איז דאָס אין זשורנאַל, אַמאָל אויך מיט אַן אַרטיקעלע אין דער „פרייהייט״, געלט גיט דאָס מינקאָוויצער רעליף איבער די כוחות, און אָט מיט אַזעלכע מעלות וויל דאָס פאַרנעמען ביי אונז דעם אויבנאָן, זיין פון די פני, — האָט איר שוין געהערט אַן אַקציע פון אַזאַ יונג ! כ׳לעבן, שעמען מעג ער זיך מיט אַזאַ אויפפירונג. אָבער דאָס קאָן נאָר טאָן אַזאַ כוואַטסקער בחור ווי מיין קאָלעגע און פריינט לואיס סטילמאַן, דער פאָטער פון געדאַנק צו גרינדן אַ מינקאָוויצער רעליף. נו, איך פרעג אייך, פאַרדינט ער ניט ביי אונז אַ יישר־כוח ? וואָס איר זאָלט ניט זאָגן אויף אים, ער טוט זיך זיינס. ווען עס איז דאָ נוצלעכע אַרבעט, טוט ער דאָס מיט פאַרגעניגן. אַי טיפּ מאַי העט פאָר יו, קאָלעגע סטילמאַן.

מיין קאָלום אין זשורנאַל וועט זיין ניט פאַרענדיקט, אויב איך וועל פאַרבייגיין און ניט פאַרצייכענען דעם אַלטן אחרון ואחרון חביב, און דאָס מיין איך אייך, מיינע מינקאָוויצער לאַנדסלייט, פריינט און גוטע באַקאַנטע. איר זענט דאָס דער אַוואַנגאַרד, אייך קומט דער גרעסטער דאַנק פאַר אייער מיטהילף. אָן אייער הילף וואָלט די גאַנצע אַרבעט ניט דעם ווערט געהאַט אַ שמעק טאַבאַק. און ווייל מיר זיצן אַזוי ביי די שיין־געדעקטע טישן, און מיר זיינען זיך משמח מיט די געשמאַקע מאכלים, לאָמיר ניט פאַרגעסן אויף איין מאָמענט אָן אונזערע לעבן־געבליבענע, פאַרוואָגלטע מינקאָוויצער שוועסטער און ברידער אין דער אַלטער היים־שטעטל מינקאָוויץ, וועלכע זיינען הונגעריג, אָן אַ דאַך איבער זייערע קעפּ, אַז מיר די גליקלעכע אין דעם גאָלדענעם לאַנד זאָלן זיי אויסשטרעקן אַ העלפנדיגע האַנט. אונזער ציל איז נאָך ניט דערגרייכט, עס איז נאָך דאָ פיל צו שאַפן און צו העלפן. אונזער אַרבעט טאָר ניט אָפּגעשטעלט ווערן.

לאָמיר האָפן, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט טאָן אַלעס מענטשלעכעס, צו עפענען אַלע טירן פון מעגלעכקייטן, אַז הילף זאָל קאָנען שטראָמען פון אונז צו די נויטבאַדערפטיגע, הונגעריקע און נאַקעטע.



ברוך זעלדעס מיט זיין פרוי און זון

# איך בין שטאָלץ מיט מיינע לאַנדסלייט

פון ב. קליגער

ווען ס׳איז אָנגעקומען די נייעס, אַז היטלער מיט זיין הערן־פאָלק זיינען דורך די מפלות וואָס זיי האָבן געליטן געצוואונגען צו אַנטלויפן און די באַפרייאונג פון דער אוקראַינע איז אַ פראַגע פון טעג, האָבן זיך פיל לאַנדסמאַנשאַפטן פון דער אוקראַינער געגנט אָרגאַניזירט צו שאַפן הילף פאַר זייערע לעבן־געבליבענע אומגליקלעכע שוועסטער און ברידער אין דער אַלטער היים. כמעט יעדע שטאָט און שטעטל באַזונדער האָט זיך געשאַפן אַ רעליף־אָרגאַניזאַציע, און ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז די מינקאָוויצער זיינען ניט געבליבן הינטערשטעליג. אַז הילף איז געווען דרינגענד נויטיג, וועגן דעם האָבן קיין צוויי מיינונגען ניט געקאָנט זיין. דעם חורבן, וואָס די רוצחים האָבן דאָרטן אָנגעמאַכט און די מערדערייען, וואָס זיי זיינען דאָרט באַגאַנגען, איז אפילו פאַר אונז שווער זיך פאָרצושטעלן. ס׳איז דעריבער קיין פראַגע ניט, אַז אונזערע אייגענע אין מינקאָוויץ האָבן געלייגט אַ סך האָפענונג אויף אונז, מינקאָוויצער, דאָ אין אַמעריקע, און יעדער רעכט־דענקענדיגער מענטש איז געווען מער ווי צופרידן מיט דער גרינדונג פון מינקאָוויצער רעליף. איך מוז זיך מודה זיין, אַז פון אָנפאַנג בין איך געווען אַביסל פעסימיסטיש און די עקזיסטענץ פונ׳ם מינקאָוויצער רעליף איז ביי מיר תחילת געשטאַנען אונטער אַ פראַגעצייכן : ווער ווייסט צי וועט ער קאָנען שאַפן די נויטיגע הילף, אין וועלכער אונזערע שוועסטער און ברידער נויטיגן זיך אַזוי שטאַרק ? צי וועלן מיר כאָטש אויף וויפיל עס איז ניט קאָנען

פאַרלינדערן זייערע ליידן? און אַז מ׳וועט אפשר שאַפן אַביסל הילף, ווער ווייסט וויפיל ס׳וועט נעמען ביז מ׳וועט זיי עפּעס קאָנען אַרויסשיקן? דעם אמת געזאָגט, האָב איך דורך אַ סיבה געהאַט זייער ווייניג גלויבן אין די פעאיגקייטן פון אונזערע מינקאָוויצער.

מיט אַ צען יאָר צוריק איז מיר איינגעפאַלן איך זאָל גיין צו אַ מיטינג פון דער מינקאָוויצער סאָסייעטי. איך האָב געטראַכט, אַז איך וועל דאָרט געוויס טרעפן אַלע מינקאָוויצער און איך וועל כאָטש אין אָוונט זיין צווישן אייגענע. ווען איך בין צו דעם מיטינג געקומען, האָב איך געטראָפן זעקס מינקאָוויצער אידן זיינען געזעסן ביז עלף אַזייגער ביינאַכט און האָבן מורא געהאַט טאָמער קומט ניט כאָטש נאָך איין מענטש, וועלן זיי געזעצלעך דעם מיטינג ניט קאָנען עפענען. און דערפאַר ווען מ׳האָט מיר צו וויסן געטאָן אַז די מינקאָוויצער האָבן געגרינדעט אַ רעליף, איז מיר דער אויבן־דערמאָנטער ניט אָפּגעהאַלטענער מיטינג אויפגעשוואומען אין מיין זכרון און האָב ביי זיך געטראַכט, ווער ווייסט וואָס פאַר אַ מזל דער רעליף וועט האָבן? אָבער איך מוז צוגעבן, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט, און האָף אַז די מינקאָוויצער וועלן מיר אַנטשולדיגן פאַר די שלעכטע מחשבות, וואָס איך האָב וועגן זיי געהאַט. עס ציגט זיך אַרויס, אַז די מינקאָוויצער האָבן זיך אָפּגערופן אויף אַ סך אַ בעסערן אופן ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט.

ווען איר קוקט זיך איצט צו צו דעם מינקאָוויצער רעליף, ווי אַזוי ער פונקציאָנירט, וואָס ער האָט שוין אויפגעטאָן ביז איצט און וואָס ער גרייט זיך צו טאָן אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט, ווי אַזוי יעדע זאַך ווערט דערליידיגט פּינקטלעך און צו דער מינוט, קיין זאַך ווערט ניט אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, און אין אַלגעמיין ווי די אָרגאַניזאַציע וואַקסט פון טאָג צו טאָג, — ווען איר פאַרגלייכט די אַלע דערגרייכונגען מיט די דערגרייכונגען פון וועלכער עס איז אַנדערער רעליף־אָרגאַניזאַציע — מוזט איר קומען צום שלוס אָן שום איבערטרייבונגען, אַז דער מינקאָוויצער רעליף אין פינאַנציעל דער שטאַרקסטער, מאָראַליש דער העכסטער און אָרגאַניזאַציאָנעל דער בעסטער. אפילו די מיטלען, וואָס די מינקאָוויצער ווענדן אָן צו שאַפן די נויטיגע הילף, זיינען אין פאַרגלייך מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס גאָר אַנדערע.

מען מוז אין זינען האָבן אַז די מינקאָוויצער האָבן ניט אַרויפגעלייגט קיין טעקס, וואָס באַשטייט פון מאָנאַטלעכע אָפּצאָלונגען, אויף זייערע מיטגלידער. דער מינקאָוויצער רעליף האָט ניט געמאַכט קיין טעאַטער־בענעפיט, און קיין קאַרד־פּאַרטיס האָבן זיי אודאי ניט געמאַכט, און דאָך, אין אַזאַ פאַרהעלטניסמעסיג קורצער צייט איז דער מינקאָוויצער רעליף אויסגעוואקסן אַן אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער יעדער מינקאָוויצער האָט אַ רעכט צו שטאָלצירן.

עס האָט זיך מיר דערפאַר ניט איינמאָל געשטעלט די פראַגע, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער מינקאָוויצער רעליף זאָל זיין אַזוי דערפאָלגרייך אין זיין אַרבעט? וואָס פאַר אַ טרייבקראַפט אַרבעט אַזוי שטאַרק צווישן די מינקאָוויצער? נאָך אַלעמען זיינען דאָך אין אַמעריקע נישטאָ קיין טויזנטער מינקאָוויצער, און דאָס ביסל וואָס ס׳איז דאָ זיינען, מיט קליינע אויסנאַמען, וווייט פון צו זיין גרויסע גבירים, און דאָך מיט אַזעלכע באַגרענעצטע מיטלען האָבן זיי באַוויזן אויפצובויען אַזינס וואָס ס׳איז אַ וואונדער. איך האָב אַלץ געזוכט אַן ענטפער אויף אָט די אַלע פראַגן, און דעם אמת געזאָגט, איך האָב אים ניט געקאָנט געפינען.

זאָל אָבער קיינער ניט דענקען אַז די פראַגן זיינען פאַרבליבן אומפאַרענטפערט. און פאַרענטפערט האָבן זיי מיר טאַקע מיינע מינקאָוויצער אַליין!

ווען ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיטן אַראַנזשירן דעם באַנקעט זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אַ זשורנאַל און דורך אַדווערטייזמענטס און באַגריסונגען זאָל געשאַפן ווערן אַביסל געלט פאַרן רעליף, האָב איך, פאַרשטייט זיך, מיין ביסל טרחה אויך אָנגעבאָטן, און אויף אַזאַ אופן האָב איך באַקומען די מעגלעכקייט צו קומען אין נאָענטער באַרירונג מיט מיינע מינקאָוויצער, און עס האָט זיך ביי מיר געשאַפן די מיינונג, אַז אויב מען פאַנגט אָן אַ הילפס־אונטערנעמונג מיט אַזעלכע מענטשן, מוז די אַרבעט געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג. איך האָב באַמערקט, אַז עס מאַכט ניט אויס אין וואָס פאַר אַ פריילעכער שטימונג איר זאָלט זיי ניט טרעפן, אַזוי שנעל ווי איר דערמאָנט זיי זייער געבורט־שטעטל מינקאָוויץ, ווערט זייער צורה אויגנבליקלעך פאַרענדערט און ווי אַ שוואַרצער וואָלקן וואָלט זייער פּנים פאַרדעקט — איר זעט פאַר זיך מענטשן, וועלכע פאַרשטייען אויף וואָס פאַר אַ גרויזאַמען אופן אונזערע שוועסטער און ברידער זיינען אין קאַלטן בלוט דערמאָרדעט געוואָרן, דאָס אומשולדיג־פאַרגאָסענע בלוט פליסט פאַר זייערע אויגן, זיי פילן דעם עלענד און נויט, וואָס אונזערע ממש דורך נסים לעבן־געבליבענע אייגענע און פריינט גייען דורך, און זיי זיינען איבערצייגט אַז אויב מיר דאָ אין אַמעריקע וועלן זיי ניט העלפן אויף אַ געהעריגן און שנעלן אופן, וועלן חלילה די, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דעם מערדערס הענט, אומקומען פון הונגער און קעלט. ס׳איז דערפאַר ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז אַן אָרגאַניזאַציע וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון מיטגלידער, וועלכע האָבן אַזוינע געפילן צו אייגענע און פריינט, זאָלן זיין אַזוי דערפאָלגרייך.

צו דער געלעגנהייט, ווען מיר פייערן דאָ דעם זיג איבער דעם פינצטערן פאַשיזם, באַגריס איך מיינע מינקאָוויצער מיט זייערע דערגרייכונגען ביז איצט, און בין איבערצייגט, אַז זיי וועלן זיך ניט באַנוגענען מיט דעם וואָס זיי האָבן ביז איצט אָפּגעטאָן, נאָר וועלן זיך ערשט איצט מיט פרישן מוט און מיט מער ענערגיע נעמען צו דער אומפאַרגלייכבאַר נויטיגער אַרבעט, ביז זיי וועלן דערפירן די גאַנצע אונטערנעמונג צו דעם פולשטענדיגן דערפאָלג. איך בין זיכער אַז די מינקאָוויצער קאָנען און וועלן דאָס באַווייזן.

לאַנג לעבן זאָלן די מינקאָוויצער אין אַמעריקע! לאַנג לעבן זאָלן די מינקאָוויצער אויף יענער זייט ים

**I AM PROUD OF MY LANDSLIGHT**
**BY B. KLEAGER** **PICTURE OF BORUCH ZELDEM WITH HIS WIFE AND SON.**

WHEN THE NEWS OF HITLER'S DEATH WITH HIS COHORTS AND THE GERMAN DEFEAT, MANY NAZIS FLED AND THE UKRAINIANS WERE FREED IN A MATTER OF DAYS. MANY OF THE LANDSMAN FROM THE UKRAINIAN AREA ORGANIZED TO BRING HELP TO THE SURVIVORS; TRAGIC SISTERS AND BROTHERS IN THE OLD HOME. EACH INDIVIDUAL TOWN AND CITY ESTABLISHED A RELIEF ORGANIZATION, AND IT IS UNDERSTANDABLE THAT THE MINKOVITZ DID NOT REMAIN BEHIND. HELP WAS DESPERATELY NEEDED ABOUT THIS THERE WAS ONLY ONE THOUGHT. THE HOLOCAUST, THAT OCCURRED THERE AND THE MURDERS, IS ALMOST IMPOSSIBLE FOR US TO IMAGINE. THERE WAS NO QUESTION THAT OUR OWN IN MINKOVITZ HAD LOTS OF HOPE THAT WE WOULD BE THERE FOR THEM. MINKOVITZ, HERE IN AMERICA WHERE EVERY RIGHT THINKING PERSON WAS MORE THAN PLEASED AT THE MINKOVITZ RELIEF ORGANIZATION. FOR ME THERE WAS A LARGE QUESTION MARK. WILL WE BE ABLE TO ORGANIZE THE NECESSARY ASSISTANCE FOR OUR VERY NEEDY SISTERS AND BROTHERS. WILL WE BE ABLE TO EASE THEIR SUFFERING. AND HOWEVER MUCH HELP WE CAN GATHER WILL IT GET THERE IN TIME. THE TRUTH SAID I DID NOT HAVE ENOUGH CONFIDENCE IN OUR MINKOVITZER PEOPLE.

ABOUT TEN YEARS EARLIER I DECIDED TO GO TO A MEETING OF THE MINKOVITZ SOCIETY. I THOUGHT I WOULD MEET ALL THE MINKOVITZER JEWS AND I WOULD AT LEAST BE AMONG MY OWN. WHEN I ARRIVED AT THE MEETING THERE WERE SIX MINKOVITZER JEWS SITTING UNTIL ELEVEN O'CLOCK AND WERE FEARFUL THAT NOT ONE MORE PERSON WOULD COME. THUS THEY WOULD NOT BE ABLE TO OPEN THE MEETING. AFTER THIS I DOUBTED A MINKOVITZER RELIEF COMMITTEE WOULD EVER COME INTO BEING. HOWEVER, I HAVE TO ADMIT I MADE AN ERROR. AND I HOPE I WILL BE FORGIVEN. WHAT HAS HAPPENED SINCE MAKES ME RETHINK MY ATTITUDE. THE PERSISTENCE BROUGHT BY MANY WITH POSITIVE INPUT FOR THIS ORGANIZATION.

WHEN YOU LOOK AT THE MINKOVITZER RELIEF NOW AND THE WAY IN WHICH IT FUNCTIONS, WHAT IT HAS ACCOMPLISHED UP TIL NOW AND CONTINUES TO DO SO, IT IS IMPRESSIVE. EVERYTHING IS DONE WITH EFFICIENCY AND THERE ARE NO DELAYS. THE ORGANIZATION GROWS FROM DAY TO DAY AND CONTINUES TO PLAN FOR THE FUTURE. WHEN YOU COMPARE IT TO OTHER RELIEF ORGANIZATIONS YOU MUST SEE THAT IT IS OUTSTANDING. IT IS FINANCIALLY AND MORALLY VERY STRONG. OUR METHODS FOR HELPING THE NEEDY IS EXCEPTIONAL.

WE MUST REMEMBER THAT OUR GROUP HAS NOT PLACED ANY TAXES ON ITEMS THEY SELL. WE HAVE HAD NO THEATER BENEFITS, OR CARD PARTIES. DESPITE THIS OUR ORGANIZATION HAS GROWN IN A MANNER THAT EACH MEMBER MAY HAVE GREAT PRIDE.

I QUESTIONED MYSELF AS TO WHAT WAS IT THAT MADE OUR ORGANIZATION SO SUCCESSFUL IN THEIR WORK. WHAT WAS IT THAT DROVE THE MEMBERS TO ACCOMPLISH THIS. AFTER ALL, THERE ARE NOT THOUSANDS OF MINKOVITZERS IN AMERICA, AND THOSE FEW THAT ARE HERE, FAR REMOVED FROM MINKOVITZ WERE ABLE TO BUILD THIS ORGANIZATION IS TRULY A WONDER. I HAVE BEEN ABLE TO ANSWER ALL THE QUESTIONS THAT I HAD IN MIND. I HAVE SPOKEN THE TRUTH.

WHEN IT WAS DECIDED THAT THE JOURNAL WOULD BE GIVEN TO THE MEMBERS AT THE BANQUET, THE ADVERTISEMENTS AND GREETINGS WOULD ALSO RAISE MONEY FOR RELIEF. THUS I BECAME PART OF THIS ORGANIZATION WITH PEOPLE WHO HAD INITIATIVE AND WILLINGNESS TO WORK HARD TO HELP OTHERS FROM MINKOVITZ, DESPITE THEIR SMALL NUMBER. WHEN MINKOVITZ IS EVEN MENTIONED TEARS COME TO THE EYES OF THE MEMBERS AND A BLACK CLOUD COVERS THEIR EYES. THE JOY OF THEIR WORK IS DIMINISHED BY THE DREADFUL EVENT OF THE WAR AND THE MURDER OF INNOCENT JEWS. IT MAKES OUR BLOOD RUN COLD. THEY REMEMBER THE MIRACLE OF THE SURVIVAL OF JEWS THERE, RELATIVES AND FRIENDS. IF WE DO NOT SPEEDILY SEND HELP THEY WILL STARVE TO DEATH. THERE IS NO TIME TO WASTE. IT IS ONLY NATURAL THAT MEMBERS WITH SUCH FEELINGS SHALL DO ALL THEY CAN TO SAVE THOSE WHO SURVIVED.

WHEN WE TRIUMPH OVER THE BATTLE WITH THE BLACK FASCISTS, I KNOW WE WILL WITH FRESH RENEWAL CONTINUE TO WORK FOR THE GOOD OF THE MINKOVITZER SURVIVORS. WHAT THEY HAVE DONE UNTIL NOW WILL GROW AND GROW. THEY WILL INCREASE THEIR ENERGY IN THIS SIGNIFICANT WORK. I KNOW THEY WILL SUCCEED.

LONG LIVE THE MINKOVITZER IN AMERICA. LONG LIVE THE MINKOVITZER ON THE OTHER SIDE OF THE OCEAN.



# די סאָסייעטי באַגריסט

פון סאַל אַדעסמאַן

די אינדעפּענדענט מינקאָוויצער פּאָדאָליער סאָסייעטי האָט מיר צוגעטיילט דעם כבוד צו באַגריסן אין איר נאָמען דעם פאַראייניגטן מינקאָוויץ פּאָדאָליער רעליף, ווי אַ מאַמע באַגריסט אַ געראָטן קינד.

די סאָסייעטי איז געווען דער איניציאַטאָר פונ׳ם רעליף: אירע מיטגלידער זיינען דאָס געווען די ערשטע, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן דערפילט אַ ווייטאָג אין זייער האַרץ פאַר דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן אונזער פאָלק און אונזערע מינקאָוויצער שוועסטער, ברידער, קרובים, פריינט און יוגנט־חברים בתוכם. זיי האָבן זיך ניט געקאָנט באַרואיגן.

אויסערעדנדיג איינער פאַרן אַנדערן זייער ביטער האַרץ וועגן דער לאַגע פון די לעבעדיג־פאַרבליבענע אין דער אַלטער היים, האָבן זיי באַשלאָסן צו גרינדן אַ רעליף, וועמענס אויפגאַבע ס׳זאָל זיין: גלייך העלפן, אויב מעגלעך, און שאַפן אַ גרויסן פאָנד צו העלפן איבערבויען דאָס לעבן פונ׳ם ליבן היימישן שטעטעלע, ווען די צייט וועט קומען.

אומר ועושה, געזאָגט און געטאָן. און דעם 7־טן מאַי 1944, ביי אַ מיטינג, וואָס די סאָסייעטי האָט גערופן פאַרן צוועק צו שאַפן אַ רעליף־פאָנד, איז געבוירן געוואָרן דאָס וואונדערבאַרע קינד, דער רעליף, — אַ קינד, וואָס איז גלייך שוין דעם ערשטן טאָג געשטאַנען אויף די אייגענע פיס. ווייל גלייך ביי דער ערשטער פאַרזאַמלונג איז געשאַפן געוואָרן זיבן טויזנט צוויי הונדערט דאָלער. קיין וואונדער איז דאָס אפילו ניט, ווייל מען זאָגט, אַז ביי ניינציג פּראָצענט פון געזונטע עלטערן ווערן געבוירן געזונטע קינדער. און די מאַמע, די סאָסייעטי, איז אין אַ זייער געזונטן צושטאַנד בנוגע ברייטהאַרציגקייט און מענטשלעכקייט.

דעם 4־טן פעברואַר, 1922, אין דעם ערשטן טאָג ווען די סאָסייעטי האָט זיך געגרינדעט, האָט מען שוין געקאָנט באַמערקן אין איר קערנדלעך פון מיטגעפיל צו מיטמענטשן. מען האָט גלייך באַשלאָסן, אַז די סאָסייעטי זאָל זיך פירן העכסט ליבעראַל. אָט־דער פּרינציפּ האָט דערנאָך געפירט צו זייער שיינע טאַטן.

ווען זי איז נאָך גאָר יונג געווען, איז אַחוץ דעם וואָס זי האָט, אַלס אַ פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע, באַדאַרפט זאָרגן פאַרן געזונט און דער וואוילטעטיגקייט פון אירע מיטגלידער, האָט זי פון איר ביסן אַראָפּגענומען און געהאָלפן געזעלשאַפטלעכע הילף־אָרגאַניזאַציעס, מיט וויפיל זי האָט געקאָנט.

די סאָסייעטי, זינט איך קען זי, איז אַ מיטגליד אין האַיאַס, און אינ׳ם אידישן קאָנגרעס.

בויט זיך אַ אידישע היים אין פּאַלעסטינע — שטיצט זי.
בויט זיך אַ אידישע היים אין בירא־בידזשאַן — שטיצט זי.

ווען עס איז פאָרגעקומען דער שוואַרצבאַרד פּראָצעס, איז, אויפן אַפּיל פונ׳ם „מאָרגן־זשורנאַל“, אונזער סאָסייעטי געווען די ערשטע צו שיקן אַ באַדייטנדיגע ביישטייערונג צום פאַרטיידיגונגס־פאָנד. די צייטונג, אין אַן אויפרוף צו שטיצן דעם פאָנד, האָט געבעטן די לאַנדסלייט פון אַלע שטעט און שטעטלעך פון דער איוקראַינע, אַז זיי זאָלן זיך נעמען אַ ביישפּיל פון די מינקאָוויצער.

די סאָסייעטי האָט געגרינדעט אַ לעידיס אוקזעלערי, וואָס פאַר נעמט זיך מיט וואוילטעטיגער אַרבעט, אין דער צייט ווען די מאַנסבילן פאַרנעמען זיך מיט פראַטערנאַלע ענינים.

ווען די שטיוול פון די אכזריות׳דיגע היטלעריסטן האָבן גענומען טרעטן אויף דער אוקראַינער ערד און אויף די אידישע קערפּערס, האָט זיך ביי דער סאָסייעטי אַ טרייסל געטאָן דאָס האַרץ. אַ דורשט נאָך נקמה האָט אַרומגענומען אירע מיטגלידער. זיי האָבן געפילט, אַז זיי מוזן עפּעס טאָן, כדי נקמה צו נעמען פון די רוצחים. און אַלס דאַנקבאַרקייט צו דער רויטער אַרמיי, וואָס האָט די רוצחים געקאָסעט, האָבן זיי געשאַפן פופצן הונדערט דאָלער און דאָס אַוועקגעגעבן צום ראָשען וואָר רעליף, צו שיקן מעדיקאַמענטן, צו העלפן היילן די פאַרוואונדעטע רויט־אַרמייער, וועמענס הענט זיי האָבן געבענטשט.

איצט, ווען זי קוקט זיך צו ווי איר ניי־געבוירן קינד, דער רעליף (וואָס שטייט אויסער איר יוריסדיקציע, כדי יעדער מינקאָוויצער, וואָס איז אָדער איז ניט קיין מיטגליד אירער, זאָל קאָנען באַלאַנגען צום רעליף), איז אַזוי שיין אויסגעוואקסן, איז אַזוי קרעפטיג, און פונקציאָנירט ממשות׳דיג אין פיר גרויסע שטעט אין אַמעריקע, — איצט, ווען דער רעליף פראַוועט אַ יום־טוב צו דער געלעגנהייט פונ׳ם זיג איבער דעם פאַשיזם, שיקט זי מיט מיר איבער די פאָלגענדע באַגריסונג:

„איך באַגריס דיך, מיין קינד, פון דער טיפעניש פון מיין נשמה. איך באַגריס דיך און בין שטאָלץ מיט דיר פאַר דיין אומענדלעך ברייט האַרץ, פאַר דיין אָפענער טאַש און פאַר דיין פעאיגקייט. איך ווינש דיר, אַז אחדות זאָל זיך קיינמאָל ניט אָפּטאָן פון דיר, און דיין אַרבעט זאָל אַלעמאָל געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג. איך האָף אַז דיין ציל וועט ווי צום גיכסטן דערגרייכט ווערן.

„איך באַגריס די לעבעדיג־געבליבענע מינקאָוויצער אין מינקאָוויץ און אין אַלע ערטער וואו זיי זיינען צעזייט און צעשפּרייט. און איך זאָג זיי: „קינדער, אומגליקלעכע, איר האָט דאָ אין דעם לאַנד איבערגעבענע האַרציגע פריינט. אונזער העלפדיגע האַנט איז שטענדיג אויסגעשטרעקט. הלוואי קאָנען מיר אַייך דערגרייכן.“

The Society Welcome
by Saul Adesman

The independent Minkovitzer Padolier Society gave me the honor of welcoming you in the name of the Minkovitz Padlier Relief Society. As a mother welcomes a deserving child. This society was initiated for relief. Her members were the first which had shown that they felt a pain in their hearts for the tragedy which struck our people; the Minkovitzer brothers and sisters, old friends, young friend, so they could not rest. Each spoke out one for the other. Their hearts were bitter about the situation for those who survived in their old home. They agreed to form a relief organization and give immediate help if possible. They would have to create a large fund to help to rebuild their dear town when the time came.

Said and done. On the 17th of May 1944 in the afternoon, a meeting was called to establish this fund. The wonderful child was born; the relief- a child who was the first to stand on his own feet.

At the first assembly $7,200 was collected. This was no wonder. They say that 90 percent of healthy old parents are born healthy children of the mother, the Society, is in a very healthy condition of heart and humanity.

February 4th is the first day the Society was formed. On that first day one could remark about the caring people They immediately agreed that the Society should be very liberal and this principal drove them to their fathers.

When she was still young, it was clear she was a fraternal organization. The need was for many healthy and worthy members. She took from her own morsel to preserve the society and help other such organizations as much as possible.

The Society, since I know it was a Jewish Congress. Build a Jewish home in Palestine and support it. When the appeal arrived in an article in the Morning Journal (Yiddish paper) the Society was the first to contribute to the fund. The newspaper was a call to raise funds for a Jewish State. They became an example for other places.

The Society formed a Ladies Auxiliary which would undertake their worthy relief work while the men dealt with the fraternal aspects. Mothers, when the boot of the Nazis treaded on the Ukraine soil and on the Jewish bodies, the Society's hearts beat rapidly. They must do something in order to take revenge on the murderers. Thankfully at that time the Red Army arrived. They raised $1500 and gave it to Russian War Relief for medication to help heal the wounded Red soldiers whose hands they blessed.

Now when she looks at her newborn child, the Relief Society is her jurisdiction, in order that every Minkovitzer even non members can belong to the Society. It grows strong and functions well in four large cities in the United States. Now when our Society can have a holiday of victory over fascism I am given the honor of welcoming you.

I welcome you my child from the deepness of my heart and soul. I greet you and am proud of your great heart, your energy and spirit. I wish that God will never leave you and your work will always be gratifying. I hope that your goal will be accomplished. I greet the surviving Minkovitzers in Minkovitz and every place where they find themselves. And I say to them, children, tragic ones, you have friends in this land. Our helping hand is always stretched out to you. We should only be able to reach you.

# אַ קליינינקייט — הונדערט קערבלעך אין מינקאָוויץ

(אַ וועלט־געשעעניש)

שיינדל גארבער



געווען איז דאָס אַמאָל, שוין זייער לאַנג, אַרום 40 יאָר צוריק. מייז פאָטער, חיים היינצעס, איז דאמאָלסט געווען אַ נאמן אין וואַלד ביי איציע גרינהאלדס אין זשערזשעווקע.

פּאַסירט, אַז ווען מיין פאָטער איז אַהיימגעקומען אויף פּורים אַ ק, ווי דער שטייגער איז, האָט מיין מוטער שטאַרק אויסגעהייצט דעם אויוון מיט דעמבענע האָלץ, און מיר אַלע, די גאַנצע משפּחה פון 6, זיינען פאַרשטאַדעט געוואָרן.

וואָלט דאָס דאמאָלסט זיכער געבראַכט צו אַ גרויסן אומגליק, אָבער דאָ האָט געשען אַ נס: איידער מיין פאָטער איז געקומען אין שטאָט האָט אים זיין בעל־הבית מיטגעגעבן 100 קערבלעך אויפצייליינגן אין פּאָטשט, און ווייל די 100 קערבלעך האָבן שטאַרק געפּרעסט מיין פאָטערס געדאַנק, איז ער דער ערשטער אויפגעשטאַנען און אונז אַלעמען אָנגעפאַנגען וועקן.



# מינקאָוויץ אין מיינע יאָרן

אהרן עלמאַן

מינקאָוויץ אין מיינע יאָרן איז געווען אַ פיין שטעטל. און ווען איך זאָג פ י י ן, מיין איך בפּועל ממש. אַ שטעטל וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט פיינע געלערנטע מענטשן, טאַקע תלמידי חכמים, הן אין אידישע, הן אין וועלטלעכע לימודים. ספּעציעל די יונגוואַרג. עפּעס אַ קליינינקייט, די מינקאָוויצער יונגוואַרג! און טאַקע, צוריק גערעדט, וואָס איז דען אַ מינקאָוויצער יונגנמאַן געלעגן אין זינען אַחוץ לערנען? קיין אַרבעט צו טאָן איז ניט געווען און מיט מסחר האָט מען זיך אויך ניט פאַרנומען, איז מען געזעסן און געוואַרט אויף אַ גוטן שידוך מיט אַ גרויסן נדן, און כדי דאָס צו דערגרייכן האָט מען דאָך אַליין אויך עפּעס געדאַרפט צוטראָגן, און אַזוי אַרום איז דער יוגנטס ביישטייערונג צום שידוך געווען: „געלערנטקייט". שטענדיג האָט מען דיסקוטירט וועגן דעם, וואָס מ'האָט געלייענט, און געלייענט האָט מען גראָד אַ סך; — דערפאַר האָט שוין געזאָרגט די מינקאָוויצער ביבליאָטעק, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַ סך ספרים, סיי אידישע, סיי העברעאישע, און רוסישע האָבן אויך ניט געפעלט. אפילו ביים שפּאַצירן מיט מיידלעך אויף די באַרימטע מינקאָוויצער בריקן (וואו מען האָט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר די טאַטעס און מאַמעס) האָט מען אויך זיך אָפּגעגעבן מיט דיסקוסיעס פּלפּולים וועגן ביכער און שרייבער.

דאָס שטעטל האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט געשעפט. געווען דאָרט 6 העיניס פאַבריקן און 2 גאַרבאַרניעס. מען האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט אַלערליי געטריקנטע פרוכטן, מערסטנס פלוימען, און די סחורות זיינען פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן איבער פאַרשיידענע שטעט אין רוסלאַנד. אויך מיט תבואה האָבן זיך אידן פאַרנומען.

די גרעסטע געשעפטן אָבער זיינען געווען „וועלדער". אמת, וועלדער זיינען טאַקע געווען, אָבער איינער אָדער צוויי אידן האָבן דירעקט געהאַנדלט מיט וואַלד. אַ גרעסערע צאָל אידן אָבער האָבן זיך „געדרייט" אַרום וועלדער. ווער ס'האָט געכאַפּט אַ מעקלערייעל, אַ קאָמישנדל, אָבער גערעדט האָבן גאָר אַ סך וועגן „וואַלד". און אידישע מחלוקת'ן איבער שטאָטישע ענינים האָבן אודאי ניט געפעלט.

איך געדענק נאָך גוט די מחלוקות צווישן די זינקאָווער און הוסיאַטינער חסידים און דעם גרויסן סקאַנדאַל, וואָס האָט אויסגעבראָכן, ווען די הוסיאַטינער האָבן באַשלאָסן צו בויען אַן אייגענעם בית־המדרש.

ס'פרייט מיך זייער, וואָס אויך דאָ אין אַמעריקע זע איך אַ פאָרזעצונג פון דעם פיינעם מינקאָוויצער שטעטל און איבערהויפּט די אידעע פון דער אַמאָליקער מינקאָוויצער יוגנט (איצט שוין מיטליאָריקע מענטשן), צו פאַראייביגן אין שריפט אונזער אַלעמענס ליב שטעטל אין פאָרם פון אַ זשורנאַל, אַרויסגעגעבן דורך דעם מינקאָוויצער רעליף. זאָל אייער אַרבעט און מי געקרוינט ווערן מיטן גרעסטן דערפאָלג.

אַלס פאָרשטייער פון עלטערן דור, זאָג איך צו די פולסטע מאָראַלישע און עקאָנאָמישע שטיצע פאַר דער נאָבעלער אַרבעט פון שטיצן אונזערע אייגענע אויף יענער זייט ים און טאַקע אין „פיינעם מינקאָוויץ".

**A Little Thing: One Hundred Russian Rubles in Minkovitz**
(A World Happening)
Shayndel Garber

Once a long time ago, about forty years, my father Chaim Hinetses, was at that time a name in the woods near Itzia Grinhalden in Zshershefkeh.
It happened that when my father came home on Purim, and as the manner of the time, my mother heated the oven at a very high temperature with oak wood, and we all, the entire family of 6 became overcome.

It certainly would have come to a great tragedy: But a miracle occurred. Before my father arrived in the town he had received 100 Russian rubles. This was strongly on his mind when he saw what was happening and began to get us out of the house.

**Minkovitz, In My Years**
Aaron Elman

Minkovitz in my time was a fine town, and when I say fine, I really mean it. A town which stood out with learned people, actual wise students, good in Yiddish, good in worldly studies. Especially the young. The Minkovitzer Youth were really something. What was there for the young except to study?

There was no work to be gotten nor any trade could they have. So they sat and waited for a good marriage arrangement to a women with a good dowry. In order to get this they also had to contribute something. The young man's donation was this "learnedness." This was constantly discussed. They read and read a great deal. The Minkovitz library had a lot of books in Yiddish, Hebrew and Russian as well. Even when they went walking with girls to the famous Minkovitz bridge where they waited for the parents, they continued discussing books and authors.

The town had many stores. There were 6 factories and 2 grocery stores. They carried dried fruit, mostly plums. The storekeepers sent them to many places in Russia. They also dealt in grains.

The largest business was forestry. There were many forests but only two Jews handled this business. A larger number of Jews wandered around the forests, and talked a great deal about them.

I remember well the quarrels between the two groups of Hasidism, and the great scandal when one group decided to build their own school.

It makes me very happy when I see also here in America the heritage of Minkovitz and the youth, now middle class Americans. To put into writing about our beloved town in the form of a journal, given out by the Minkovitz Relief. May your work and efforts be blessed with great success.

As one who understands the older generation I salute the full moral and economic support given to our people across the sea, to the fine Minkovitz Town.

# די מינקאָוויצער אידן און דער קעניגלעכער הויף

פון אַ מינקאָוויצער

וואָס פאַר אַ שייכות האָבן די מינקאָוויצער אידן געהאַט מיט דעם קעני־גלעכן הויף?

אָ, ניט וועגן פּאָליטיק, חלילה, האַנדלט זיך עס דאָ. ווייל אַחוץ דעם וואָס אין 1907, ווען די שטראַלן פון די אומרוען פון 1905 האָבן דערגרייכט מינקאָוויץ, און עס האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן ביי אַ טייל פון דער יוגנט אומלעגאַלע ליטעראַטור, און עס האָבן אָנגעהויבן אַראָפּקומען אַראַטאָרס פון די גרעסערע שטעט, און מען האָט צעבונטעוועט די אַרבעטערשאַפט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַרום 70 פון אַלע פאַכן צונויפגענומען, און מען איז געגאַנגען אויף מאַסאָווקעס אין די אַרומיגע וועלדער, אין די יאַרעס, און אין פּאָליש פון דער אַלטער שול, וואָס איז געווען אַ פעסטונג פון אבערגלויבן (מען האָט מורא געהאַט ביי־נאַכט דאָרטן דורכצוגיין, ווייל מען האָט געזאָגט אַז די מתים קומען אַהין מתפלל זיין. און אין דעם האָבן געגלויבט אי אידן, אי קריסטן. דערפאַר איז דאָס געווען אַ באַקוועם אָרט פאַר אומ־געזעצלעכע טאָטין־שניידער אָנצוגיין מיט זייער אַרבעט אומגע־שטערט, און עס איז אויך געווען אַ גוט אָרט צו האַלטן אומלע־גאַלע פאַרזאַמלונגען. און מען האָט אַגיטירט פאַר אַ „זאַבאַסטאָווקע“, כדי צו געווינען אַ צוועלף־שעה׳דיקן אַרבעטסטאָג, ד. ה. מען זאָל אַרבעטן פון 6 ביז 6, און די איבעריגע פיר שעה אויסנוצן צו לערנען זיך, כדי מען זאָל ווערט זיין צו געווינען די פאָדערונג פון געזעלשאַפטלעכער גלייכהייט, אַזוי אַז די אַרבעטער־יוגנט זאָל קאָנען פאַרברענגען מיט דער בעל־הביתישער יוגנט.

מען האָט זיך אָרגאַניזירט, און מען האָט די אָרגאַניזאַציע גערופן „בונד“. אָבער קיינער האָט ניט געוואוסט צי מען דאַרף דאָס וואָרט אויסלייגן מיט אַ „טעס“, וואָס עס באַדייט בונטעווען זיך, צי מיט אַ „דאַלעד“, וואָס עס באַדייט פאַרבינדן זיך איינער מיטן אַנדערן.

דער אָרגאַניזאַטאָר פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך איז געווען אַ מינקאָוויצער אינגל, נאָסקע, האָט ער געהייסן. עס זיינען פאַר־געקומען אָבלאַוועס, און ער און נאָך איי‌ניגע זיינען אַרעסטירט געוואָרן. אָבער אַזוי ווי דעם אַרעסט האָט געמאַכט די לאָקאַלע פּאָליציי, האָט מען זיי אַרויסגעקראָגן און זיי זיינען אַוועק קיין אַמעריקע, און דאַמיט פאַסירט. די אַנדערע, וואָס האָבן מיטגע־געשפּילט אין דער שפּיל, האָבן אסור געוואוסט צי דאָס איז פּאָליטיקאַ.

צי אַחוץ דעם וואָס, כמעט אין דער זעלבער צייט, פלעגן אַ טייל אינגלעך אויסכיטרעווען ביי דער מאַמען, אָדער אָפּשפּאָרן פונ׳ם וואַרעמעס געלט און צונויפלייגן אַ צענער, כדי צו קאָנען באַצאָלן פאַר אַריינגיין אין רויטן בית־מדרש און הערן אַ מאָ־דערנעם מגיד דרשנ׳ען וועגן ציון און ברענגען פּסוקים פונ׳ם תנ״ך, וואָס מיר האָבן פאַרשטאַנען, אנשטאט די אויסצוגן פון מדרש, וואָס די אַלטמאָדישע מגידים פלעגן ברענגען און זיי האָבן זיך ניט געלייגט אויפן שכל.

מיט וואָס פאַר אַ פרומקייט מען האָט אַריינגעוואָרפן אַ גראָשן אין דער פושקע פונ׳ם נאַציאָנאַל־פאָנד. אָבער מען האָט בפירוש ניט געוואוסט צי דאָס האָט אַ שייכות מיט פּאָליטיקאַ.

צי ווען די עטלערע אינגלעך זיינען, אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג, געלאָפן מיט די תפילין־זעקלעך אונטער די אָרעמס אין בית־מדרש אַריין, כ׳ תמוז, ווייל עס איז געווען דר. הערצלס יאָרצייט. און איך האָב זיי מקנא געווען, אי ווייל זיי לייגן שוין תפילין, אי ווייל זיי האָבן אַ שייכות מיט עפּעס אַ דאָקטאָר וואָס האָט געוואָלט אָפּקויפן ארץ־ישראל און מאַכן אַ סוף צום גלות און ניט דאַרפן וואַרטן ביז עס וועט זיין „כלו זכאי אָדער כלו חיב, אַ זאַך וואָס איז אוממעגלעך, און דעמאָלט וועט ערשט קומען משיח. דאָס האָב איך גוט פאַרשטאַנען. אָבער צו מיין קנאה און צו זייער לויפן דאַווענען נאָך אַ מענטשן וואָס האָט געשטרעבט צו באַפרייען אַ פאָלק דורך געבן אים אַן אייגענע מלוכה, האָט עפּעס געהאַט צו טאָן מיט פּאָליטיקאַ, האָבן מיר אַלע ניט גע־וואוסט, ניט איך און ניט די עלטערע אינגלעך.

אָדער אַחוץ דעם וואָס איינמאָל אין עטלעכע יאָר פלעגט דער פּריסטאַוו אַראָפּקומען און דורכפירן אין שטעטל אַ באַלאָטיראָווקאַ און אידן האָבן געשטי׳מט פאַר אַ סטאַראָסטאַ, אָבער איר האָט זיי געמעגט פרעגן, בחרם, צי זיי האָבן געוואוסט אַז דאָס איז פּאָ־ליטיקאַ. אַ שפּיל אַזא געווען ביי זיי. אַ סענסאַציע. אין יענעם טאָג איז מען געזעסן מיטן פּריסטאַוו אַליין אין בית־מדרש, און מען האָט געשטימט פאַר דעם וואָס זאָגט צו מער קידוש.

דערפאַר אָבער זיינען אַ טייל פון די מינקאָוויצער אידן געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם, וואָס עס טוט זיך אינ׳ם קעניגלעכן הויף. ווייל ווען עס האָט עפּעס פאַסירט אינ׳ם קעניגלעכן הויף, ווי, למשל, אַ חתונה, אַ געבורט, אַ לויה, אָדער אויב עמיצער איז געזונט געוואָרן פון אַ קרענק, — איז אַרויס אַ מאַניפעסט, אַז מען שענקט געלט־שטראָפן, וואָס מען איז שולדיג צו דער רעגירונג. און אַ סך אידן פון מיין שטעטעלע זיינען שולדיג געווען אַזעלכע שטראָפן. ווער פאַר ניט האָבן קיין גע־העריג בלעטל (לייסענס) אין זיין קלייטל, ווער פאַר לערנען מיט קינדער אָן אַ בלעטל, ווער פאַר אויסגיסן „אַביסל וואַסער“ אין פּרִיגנט פון זיין הויז (כאָטש איין גאָט ווייסט אַז עס איז ניט געווען קיין אַנדער אָרט וואו דאָס אויסצוגיסן), און ווער פאַר אַן איין־און־צוואַנציגער — דאָס איז שוין געווען גאָר אַן אומגליק.

די געבורטן, חתונות און טויט־פאַלן פון דער אידישער באַ־פעלקערונג פלעגן דורך אַ קאַזיאָנעם רב באַריכטעט ווערן צו דער רעגירונג. ביי אונז אין שטעטל איז געווען אַ געהילפס קאַזיאָנער רב, וואָס איז געווען אַ „סוחר“ און איז די מערסטע צייט אַרומ־געפאָרן אין די דערפער אָדער אויף יאַרידן, און ווען עס האָט זיך געטראָפן אַ געבורט, און מען איז געקומען פאַרשרייבן, פלעגט אימיצער פון זיין פאַמיליע, וואָס איז ניט שטאַרק געווען באַהאַוונט אין שרייבן, על פּי טעות פאַרבייטן די יוצרות; און אויב עס איז געווען אַ מיידל און מען האָט איר, למשל, אַ נאָמען געגעבן שלימע, אָדער חיה, פלעגט מען פאַרשרייבן „שלמה אָדער חיים“, און ווען

דאָס מיידל איז אַלט געוואָרן איין־און־צוואַנציג יאָר האָט מען ביים טאַטן געמאָנט אַ רעקרוט.

אָדער ווען אַ קינד איז געשטאָרבן, און די קינדער־שטערבלעכקייט איז געווען אומגעהויער גרויס, איז, אָדער עס איז ניט געלעגן אין קאָפּ צו גיין אויסשרייבן, אָדער מען האָט ביים געהילפס־קאַזיאָנעם רב געזאָגט: „מ׳עט שוין אויסרייבן״, און מען האָט ניט אויסגעשריבן. אַ נייעס אין שטעטל, אַ קינד איז געשטאָרבן! און איין־און־צוואַנציג יאָר נאָכן געבורט האָט מען ביים אידן געמאָנט אַ רעקרוט. אַ סך אינגלעך זיינען אַנטלאָפן פונ׳ם לאַנד, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט דינען דעם צאַר, און פאַר ניט קומען צום פּריזיוו האָט מען דעם טאַטן באַשטראָפט מיט דריי הונדערט רובל.

די שטראָפן זיינען, פאַרשטייט זיך, קיינמאָל ניט באַצאָלט געוואָרן, ווייל ווער, אַחוץ געציילטע עטלעכע, האָט דאָס געהאַט דריי הונדערט רובל אין מינקאָוויץ? און אויב איינער האָט פאַרמאָגט אַ שטיקל שטוב, האָט מען עס באַצייטנס איבערגעשריבן אויף אַ פריינט. פונדעסטוועגן איז מען געווען פאַראינטערעסירט, אַז דער חוב זאָל אַראָפּגענומען ווערן פון די מלוכה־ביכער. ווייל מען פלעגט שלעפּן, אויספרעגן, סטראַשען און דערגיין די יאָרן. דער חוב האָט נאָר געקאָנט אַראָפּגיין פון די מלוכה־ביכער דורך אַ קרענק אין דער צאַרסקער פאַמיליע.

איצט ווייסט איר שוין וואָס אַ שייכות די מינקאָוויצער אידן האָבן געהאַט מיטן קעניגלעכן הויף?



מינקאָוויצער אידן אַנטלויפן קיין אַמעריקע.
די אינגלעך — פונ׳ם פּריזיוו, און די פרויען — פון דחקות.



**Minkovitz Jews flee to America.**
**The young men from conscription and the women from poverty and need.**

## THE MINSKER JEWS AND THE KING'S COURT

### From a Minkovitzer

What kind of connection did the Jews of Minkovitz have with the King's Court.

Ah, not about politics, G-d forbid. It was with commercial dealings. Except for 1907 when the unrest of 1905 affected Minkovitz, and it began and became obvious that some of the youth printed illegal literature, and speakers from the greatest cities arrived and began to unite the workers. They numbered about seventy, and they assembled in the surrounding woods. They met in the anteroom of the old synagogue, which was a fortress of superstition (people were afraid to go there at night) because they said that the dead come there to pray. And the Jews believed this and so did the Christians. So it was a good place for the workers organization to meet. They agitated for a strike in order to get a twelve-hour work week. They would work from 6 to 6, and the other four hours were to be used for study, in order for them to compete on an equal basis with learned Jews. In this way the youth workers would also be able to be involved with the students.

The organizer of all the surrounding communities was a Minkovitzer youth. His name was Naskeh. There were problems and once an arrest. The arrest was made by the local police who released him and he went to America. Others were part of this game and wondered if it was all political.

At the same time this was happening, some youths were home with their mothers, well fed and saved their money to be able to go to the Red school and hear a modern lecture about Zionism and teachers of the Tanach. What we understood, was that the old preachers dragged out their talks and did not appeal to common sense.

In addition to the religious part, they added the pushke from the National Fund.

When the older boys were dressed up and had their t'fillin in bags under their arms and ran to the shul it was because it was yahrzeit for Dr. Hertzel. I was envious of them and their praying, and their connection to someone who wanted to buy land in the Land of Israel to make an end to exile and not wait any longer until it is too late. Then the Messiah will finally come. This I understood well, but mostly I was envious of their praying for a man who died to make his people free by giving them their own country. Did this have anything to do with politics. None of us knew, neither young or old.

Some of the Minkovitzer Jews were strongly interested in what was happening in the King's court. Because when something was going on; a wedding, birth, funeral, or somebody who had been well became sick, -a manifesto was issued that there would be money fines, which we owe the government. Many Jews from my town were accountable although having nothing to do with these events. It was a trumped up fine, and they had to pay. All kinds of nonsense things were used to extract money; spilling water in front of the house, despite the fact there was no place else to throw it. And if one was 21 this was already a tragedy.

The births, weddings and deaths of the Jewish community had to be reported to the government by a rabbi. In our town the rabbi who helped us with the writing of these events often changed the facts for the benefit of the people. If there were boys, he changed the names to girl's names. If the age was twenty he made it 19 etc.

When a child died and the fine was very high, they did not report the death. A child

died, but when it was not reported and his 21st birthday came the parents were fined. Many boys ran away because they did not want to work for the Czar and their parents were fined three hundred rubles.

The fines were, you must understand, except for a few people, a joke. The Jews did not have much money. If one managed to find a small house they listed the owner as someone else to avoid the fine. They did not want the debts to remain on the list.

And now you know the connection that the Jews had with the King's court.

**To the forest - the main road from the "Antonevka" (?) to the new bridge.**

צום וועלדל — דער שאָסעי פון דער אנטאָנעווקע צו דער נייער בריק



The main road to Minkowitz.

# מינקאָוויץ, מיין שטעטעלע מינקאָוויץ...

## פון יאַנקל קולטשינסקי

נישט אין ד י י נ ע ד׳ אמות, מינקאָוויץ, בין איך געבוירן געוואָרן, און ווען כ׳וועל שטאַרבן וועלן שוין מן־הסתם מיינע ד׳ אמות ביי דיר אויך ניט זיין... און דאָך, ביסטו מיר איינגעבאַקן אין האַרץ, ביסט אַ שטיק פון מיין וועזן און דיין שאָטן גייט מיר נאָך אין אַלע מיינע וואַנדערונגען...

ווייל ווי זינגט זיך דאָרטן אין יענעם חנ׳עוודיגן לידל: כ׳האָב ביי דיר מיינע „יונגע יאָרן פאַרבראַכט"...

יענע יונגע ביטער־זיסע יאָרן, וואָס מ׳קען זיי קיינמאָל נישט צוריקכאַפּן און קיינמאָל נישט אויפהערן בענקען נאָך זיי...

כ׳זאָג בפירוש „ביטער־זיסע־יאָרן", ווייל אַ אידיש אינגעלע איז קיינמאָל זיין לעבן אינגאַנצען זיס נישט געווען.

און אַ אידיש אינגעלע איז קיינמאָל אינגאַנצן יונג אויך נישט געווען...

פון קליינווייז אָן האָט מען געטראָגן דעם יאָך.

דעם יאָך פונ׳ם רבי׳ן, דעם יאָך פון פרנסה, דעם יאָך פון אידישן גורל, דעם יאָך פונ׳ם גלות...

אוי, דער גלות!

אפשר טאַקע צוליב דעם ביטערן גלות האָב איך דיך אַזוי ליב געקראָגן!

כ׳האָב דיך ליב געקראָגן ווייל כ׳האָב געהאַט רחמנות אויף דיר און אויף דיינע קינדער. ס׳האָט געריסן דאָס האַרץ אויף דיין יוגנט, די לעבנס־לוסטיגע יוגנט, פול מיט וויטאַליטעט, מיט ענערגיע, מיט חשק, מיט קראַפט.

עס האָט זיך דיין יוגנט געריסן אין דער וועלט אַריין, און דער גלות האָט איר די פליגלען אונטערגעהאַקט... די חלומות צעשטערט די טרוימען צעטרעטן...

איז דאָס שוין אַ חידוש, וואָס דיין יופנט זאָל דאָס איבעריגע ביסל ענערגיע אויף פוסטע זאַכן פאַרשווענדן? אויף אַלערליי קונדעסערייען אַוועקגעבן?

שפּיצלעך אָפּטאָן, יענעם שאָדן אָנטאָן, צונעמענישן געבן... רכילות טרייבן, נישט איינמאָל פון גלייכן וועג אַראָפּגעגאַנגען, נישט איינמאָל אַרויס לתרבות־רעה...

דאָס איז גלות, דאָס קומט פון בטלה. וואָס איז דער איד שולדיג, אַז נאַטשאַלסטוואָ האָט פאַר אים טיר און טויער פאַר־שלאָסן? האָט דאָס דאָרף באַדאַרפט האָבן אַ פּאָר אידן דעם מסחר צו פירן, האָט מען זיי נאָך אַביסל געדולדיגט, האָט די „זעמסטוואָ" אַליין קאָאָפּעראַטיווע קלייטן געעפנט, האָט מען די אידן פון די דערפער געטריבן.

האָט מען באַדאַרפט די אידן אין די גרויסע שטעט דעם מסחר און אינדוסטריע צו אַנטוויקלען, האָט מען דאָרטן דעם אידן נאָך

**Main article:**
**Minkovitz, My Shtetl Minkovitz.**

**by Yankel Kulchinski**

Not in your "four cubits" [1] was I born, Minkovitz, and when I die, my "four cubits" will probably not be near you. Nevertheless, you are baked into my heart, you are a piece of my being, and your shadow will follow me in all my wanderings.

For, as that graceful song goes: I have spent my young years by you. Those young, bittersweet years, that one can never retrieve and never stop to miss them. I say, expressly, "bittersweet years", for a Jewish boy's life has never been entirely sweet. Nor has a Jewish boy's life ever been entirely young [2]. From childhood onward we carried the yoke. The yoke of the rebbe [3], the yoke of livelihood, the yoke of the Jewish lot, the yoke of the Diaspora... oy, the Diaspora!

Perhaps, indeed, it is because of the Diapora that I came to love you so much. I came to love you because I pitied you and your children. It [the Diaspora] tore the heart apart, [4] on your youth, the life-happy youth, full of vitality, of energy, of motivation, of vigor. Your youth tore itself into the world, it chopped the wings from under your youth. [Their] dreams, [it] shattered, [their] dreams, [it] trampled. Is it, then, surprising that your youth wasted the little extra energy that they had on vain things? To do pranks, to do damage to another, [5] to spread gossip, to not only once deviate from the straight path, to not only once develop badly.

This is the Diaspora, this is what comes from emptiness. Why the Jew guilty that the Natshalstva [6] locked the door and the gateway for him? The village needed a few Jews to lead commerce, so they were tolerated; the Zemostva [6] itself opened cooperative stores, so the Jews were driven away.

The Jew was needed to develop commerce and industry in the large towns, so there they were still **[end of page 12]**

---

[1] A Jewish legal concept: a person has rights to the 4 cubits - 6-8 feet - around him. In Yiddish it is used to mean "personal space".
[2] The text reads "yunz" which is a word I have never heard of, and I cannot find it in a dictionary either. I suppose it is a typographical error for "yung", young.
[3] I suppose he means the schoolteacher.
[4] This sentence and the following one are difficult to

translate literally due to the quirks of Yiddish grammar.
[5] There is a phrase here that I do not understand, and that I cannot find in the dictionary. It is "tzunemenishen".
[6] Apparently Polish, I cannot translate it.

אַביסל געטאָלערירט, האָט מען זיך אַליין אויסגעלערנט צו ווערן סוחרים, האָט מען אַלעמאָל פון אַן אַנדער גרויסער שטאָט אידן אַרויסגעטריבן.

ס'איז געווען גלות, און דערפאַר, מיין שטעטעלע, מוז מיין אייגן בלוט און פלייש, דיינע חטאים פאַרקוקן. ס'איז געווען אַ רחמנות, און פאַר רחמנות מוז מען דיך ליב האָבן...

פול מיט קוריאָזן ביסטו געווען. דיינע חזנים האָבן קיין שטימעס ניט געהאַט, דיינע דיינים האָבן קיין דעות ניט געהאַט, און דיין גביר, נעבעך, האָט אויף שבת קיין רעכט שטיקל עוף ניט געגעסן, ווייל די ווייב זיינע האָט אים דעם ביסן נישט פאַרגונען...

אַ „שקאָלע" האָסטו געהאַט, האָט זי קיין סך תלמידים ניט געהאַט. אידן האָט מען נישט אַריינגענומען און גוים ווילן נישט לערנען... אַ האָספּיטאל האָסטו געהאַט אָן קראַנקע. אידן האָט מען נישט אַריינגענומען און גוים קרענקען אַפּנים נישט..

ווי אַלט ביסטו, מינקאָוויץ?

גיי פרעג אַ „קראַסאַוויצע" אויף אירע יאָרן?

עס איז געווען אַ „פנקס" ביי דער חברה קדישא, אָבער מער ווי די „תקנות" ווען ס'מיינט אַ קערמעשל איז דאָרטן גאָרניט געווען פאַרצייכנט. עס איז געווען אַן אַלטער „בית־עלמין", פלעגט יעדן פרילינג, ווען די שנייען פון די בערג זיינען זיך צעגאַנגען, דאָס וואַסער די מצבות פאַרטרינקען און די קברים פאַרשווענקען. און עס איז שווער געווען פעסטצושטעלן ווי אַלט איז דער עלטסטער קבר דאָרטן, און וועמענס איז ער געווען.

נאָר זקנים און זקנות פלעגן וויסן צו דערציילן ווי דער „גראַף" האָט אין צייט פון „פאַנשטשינע", ווען די אידן האָבן אים צום „סראָק" קיין צינזן ניט באַצאָלט, געלאָזט, פונקט אין מיטן ערב־פסח, דאָס גאַנצע שטעטל מיט אַקערס צו אַקערן, אַן אַלטע שול, אַ הויכע, אַ הילצערנע באַמאָלן מיט דער האַנט אירע ווענט מיט שיינע בילדער פון מעשה־בראשית, אַ קונסטווערק. ווייל אָבער מ'האָט געהאַלטן דאָס פאַר אַ הייליגטום, האָט מען נישט געטאָרט דעם שטויב אָפּווישן, ווייסט מען אפילו נישט ווען מ'האָט די שול געבויט, און ווער עס האָט זי געמאָלן.

וועגן מאַלער אַליין, האָט די לעגענדע דערציילט, אַז נאָך צוויי שולן אַזעלכע האָט ער געמאָלן, און ביי דער דריטער שול — ווייל ער האָט אויך אין צווישן־צייט ערגעץ אַ „קאָסטיאָל", להבדיל, געמאָלן — איז ער פון לייטער אַראָפּגעפאַלן און מער שוין ניט אויפגעשטאַנען.

ס'איז נאָך דאָ אַ סך צו דערציילן פון דיר, מיין שטעטעלע, פון דיר און פו'ן דיינע אידן. ס'וועט זיך נאָך אַמאָל מאַכן אַ געלעגנהייט פאַר דעם, אַן אַנדערש מאָל. שוין צייט איך זאָל עפּעס אַביסל גוטס שרייבן וועגן דיר.

און גוט ביסטו געווען און אַ גוט האַרץ האָסטו געהאַט.

ווער פון אונז געדענקט נישט דעם וואַרעמען קבלת־פּנים, וואָס דו, מיין שטעטעלע, האָסט געגעבן די הוסיאַטינער אידן אין אָנהויב פון לעצטער מלחמה, ווען דער לעצטער צאַר, ימח שמו, האָט נאָך, איידער ער האָט זיך גענומען אַרויסטרייבן די דייטשן, האָט ער שוין אָנגעהויבן טרייבן די גרענעץ־אידן. האָסט זיך דאָך, מיין שטעטעלע, מיטן לעצטן ביסן געטיילט מיט יענע אידן...

און דיין יוגנט?

דיין יוגנט איז נישט געבליבן שטיין און וואַרטן, אַז פרעמדע און שלעכטע זאָלן דיין שיקזאַל באַשליסן. דיין יוגנט האָט זיך געריסן צו אַ שענער און בעסער לעבן און די ערשטע קרבנות געבראַכט. עס איז ערגעץ אין צאַרישע קאַזעמעטן ווי אַ ליכט אויסגעגאַנגען די נשמה פון רחל, אַ טאָכטער דיינע, דערפאַר וואָס זי האָט פאַר פרייהייט געקעמפט..

ביים כנרת אין ארץ־ישראל געפינט זיך אַ קבר פון מאיר'ן, דיין זון. ער איז געווען פון די ערשטע קרבנות פון דער צווייטער עליה. ער האָט אויך געקעמפט פאַר פרייהייט און פאַר אַ בעסערן לעבן פאַר דיר און דיינע קינדער.

און ווי האָבן דיך דיינע קינדער פאַרטיידיגט אין די צייטן פון, באַנדיטן, פון פעטליורא, ימח שמו?

מיט מוט! מיט מסירת־נפש! מיט גבורה!

עס איז מיר ניט באַשערט געווען צו זיין ביי דיר איצט, ווען דיך האָט געטראָפן דער גרעסטער אומגליק פון אַלע אומגליקן, און איך ווייס אַז אויך איצט האָבן דיך דיינע קינדער פאַרטיידיגט מיט שטאָלץ און מיט גבורה. דאָס איז שוין די טראַדיציע פון אַלע יאָרן און אַלע דורות מינקאָוויצער און די פון דיינע קינדער, וואָס זיינען אין ארץ־ישראל, קעמפן אויך קעגן ברוטאַליטעט מיט שטאָלץ, ווייל אַלע זיינען מיר פון איין טייג געקנאָטן און פון איין שטיק געשניטן... אויך מיר דאָ מעבר־לים לעבן מיט דיר, מיין שטעטל, מיט דיינע נויטן, מיט דיינע זאָרגן און מיט דיינע האָפענונגען...

זע, מיין שטעטעלע, כ'האָב דיך ניט געשאַנעוועט, כ'האָב באַשריבן דיינע מעלות און דיינע חסרונות, ווייל ווי זינגט ערגעץ אברהם רייזין:

כ'האָב אַ האַרץ פול מיט ליבע,
כ'בין מיט ליבע רייך;
גוטע, מענטשן, שלעכטע —
אַלע זיינען ביי מיר גלייך...

a bit tolerated; they [the Poles] taught themselves how to be merchants, so, always, Jews were driven from another big town.

It was the Diaspora, and therefore, my shtetl, my own flesh and blood must overlook your sins. It was pitiful, and for pity we must love you. You were full of curiosities. Your cantors had no voice, your judges had no opinions, and your rich man, nebach [1], did not even have a bit of bird-flesh for the Sabbath, because his wife could not allow herself to give it to him.

You had a "Shkole" [2], it didn't have many students [3]. Jews were not accepted, gentiles do not want to learn. You had a hospital, it didn't have many patients. Jews were not accepted, and gentiles do not get sick. How old are you, Minkovitz? [Should we] go ask a "Krasvitza"[4] about her years? The burial society had a community record book, but other than the community enactments about a "kermeshl" [5], there was nothing recorded there. There was an old cemetery, and every spring when the snow in the mountains melted, water drowned the tombstones and soaked the graves. It was hard to establish with certainty how old the oldest grave was there, and whose it was. Only the old men and women of the shtetl could relate about the "Graf" [6], in the times of the "Panshtshine" [4], when the Jews did not pay him any taxes for the "srok" [4], how he would, just in middle of Passover Eve, order the whole town to plough with ploughs [7].

[There was] an old synagogue, tall, made of wood, its walls hand-painted with painting of the Creation, a work of art. But because it was held to be sacred, the dust was not allowed to be removed, so it is unknown who built the synagogue or who painted it. About the painter himself, the legend said that he painted another two synagogues, and while he was painting the third synagogue - and he had painted in between a "Kastiol"[8], lehavdil [9] - he fell down from the ladder and did not get up again.

There is still much to say about you, my shtetl, about you and your Jews. There will still come opportunity for that, some other time. It is already time for me to write some good about you. And you were good, and you had a good heart. Who, from us, does not remember the warm welcome you gave, my shtetl, to the Jews of Husiatyn at the beginning of the last war, when the last Tsar, may his name be erased, yet before he expelled the Germans, he expelled the Jews near the border? After all, my shtetl, you shared the last bit [that you had] with those Jews.

And your youth? Your youth did not keep still and wait, so

that strangers should decide your "Shikzal" [5]. Your youth thrashed for a nicer and better life, and they gave the first sacrifices. Somewhere in the Tsarist "kozmet"s [4] went out, like a light, the soul of Rachel, a daughter of yours, for how she fought for your freedom. By the Kinneret, in Israel, is found the grave of Meir'l, a son of yours. He was one of the first sacrifices of the second "Aliyah". He, too, fought for freedom and for a better life for you and your children. And how your children defended, in the time of the bandits, of Petliura [10], may his memory be erased?

With courage, with no regard to their own lives, with [moral] strength! It was not fated that I should be by you then, when the greatest misfortune of all misfortunes befell you. I know that than, too, your children defended with pride and strength. This is already the tradition of all time and all the generations of Minkovitzers and of your children who are in Israel, who fight, too, against brutality with pride, for we are all kneaded from one dough, all cut from one piece.

We, too, overseas, live with you, my shtetl, with your hardships [11], with your worries and with your hopes. See, my shtetl, I did not spare [you], I wrote advantages and your disadvantages, for, as Avraham Reizin sings, somewhere:

I have a heart full of love
With love, my heart is rich
Good people, and evil
Are all the same to me

__________
[1] An expression of pity.
[2] Appears in quotation marks in the original, apparently the Polish
word for "school".
[3] Typical Yiddish sarcasm.
[4] Apparently Polish - translation unsure.

[5] Apparently Yiddish - translation unsure.
[6] A member of the Polish nobility.
[7] The original continues here as one sentence, but apparently this is a mistake.
[8] Polish, from context some sort of Christian structure.
[9] An expression, meaning to separate, used to separate in speech between the sacred and the profane.
[10] Some historical personality.
[11] This can also mean "needs" but "hardships" seems more appropriate here.

# A group of Jews at the old synagogue in Minkowitz.

אַ גרופּע אידן ביי דער אַלטער שול אין מינקאָוויץ





פון רעכטס צו ליוקס: בעניע נפתלי׳ס, מענדל זייגערמאַכער, סאָניע ליפּעס, יאָסל דער קאַטעכעס, אברהם משה אהרנ׳ס, שלום שוחט, יחזקאל שוסטער, מאַטיע יאסיע נחומ׳ס, פּיניע דעם סטאָליערס, זלמן דער רב, יענקל חנה ליבעס, קאַפּיל שלומ׳ס, ישראל באַדנער, יעקל פּינעס, אברהם אָרצעס, איצע סטאָלער, צדוק יאסיע נחומ׳ס, סענדער דעם רב׳ס, מאיר עקיבא ליב׳ס.

From right to left: Benye (Naftali’s son), Mendl the watchmaker, Sonie Lipes, Yosl the ?, Abraham Moshe (Aaron’s son), Sholem the shoychet, Yechezkel the shoemaker, Matye Yasye (Nokhum’s son), Pinye ( the carpenter’s son), Zalmen the Rabbi, Yankl (Khane Libe’s son), Kapil (Sholem’s son), Yisroel Badner, Yekl Pines, Abraham (Ortse’s son), Itse the carpenter, Tsadik (Yasye Nokhum’s son), Sender (the rabbi’s son), Meyer ( Akiva Leyb’s son).

# וואָס די מינקאָוויצער ליידיס אקזילערי

## אונטער דער פירערשאַפט פון מרס. עטיל מיילמאַן־קליידערמאַן

# האָט אויפגעטון

די גרינדונג פון דער אקזילערי האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 1934, ווען אונזער פריינט משה מיידן האָט זיך אומגעקערט פון אַ באַזוך אין רוסלאַנד און פאַר אונז געשילדערט די לאַגע פון דאָרט. אַ קליינע גרופּע זיינען מיר דאַ געווען, אָבער אַן אַר־בעטס־פּראָגראַם האָבן מיר זיך אָנגעצייכנט אַ גאָר גרויסע.

אין די יאָרן 1934־1936, ווען דער הונגער אין רוסלאַנד איז געווען גרויס, האָבן מיר ניט פאַרגעסן אונזערע לאַנדסלייט דאָרט און מיר האָבן איבערגעשיקט די סומע פון 3 טויזנט דאָלער, און אין 1937 האָבן מיר געשיקט פּעקלעך אויף דער סומע פון 350 דאָלער.

אויך 3 קינדער האָבן מיר געראַטעוועט פון די נאַצישע רוצחים און זיי אַריבערגעשיקט קיין ארץ־ישאל. אונזערע פריינט דאָ אין אַמעריקע האָבן מיר פיל געהאָלפן פינאַנציעל. אַ סך פּעקלעך האָבן מיר איבערגעשיקט צו אונזערע אייגענע אַמערי־קאַנער סאָלדאַטן דאָ, צו די קינדער פון אונזערע מיטגלידער און אויך פרעמדע.

ווען דער מינקאָוויצער רעליף האָט זיך געגרינדעט, איז אונזער ליידיס אקזילערי געווען פון די ערשטע זיך בייצושטייערן און טאַקע איינצאָלן די סומע פון 5 הונדערט דאָלער.

אָט איז דער צעטל פון אָרגאַניזאַציעס, וועמען אונזער אקזי־לערי האָט געשטיצט: פּראַיד אָף זשודעיאַ, ראָשן וואָר רעליף, פעדעריישאַן אָף דזשואיש טשאַריטיס, אַמעריקן רעד קראָס, יו. ע. אַ., רויטן מגן דוד, געווערקשאַפטן קאמפיין, ריפערט בית חולים, אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס, אינקיוריבל האָום, דעבאָרא סאַניטאַריום, סאראטאָגא קאנוועלעסענט און האיאס.

---

## בעאַמטע

מרס. עטיל מיילמאַן־קליידערמאַן, טשערליידי

מרס. סאסי קושנער, ערשטע וויס טשערליידי

מרס. דזשעני גארבער, צווייטע וויס טשערליידי

מרס. הנה׳צי וויסבערג, טרעזשורער

מרס. רבקה יעגער, פינאַנס סעקרעטאר

מרס. שרה בלינדער, רעק. סעקרעטאר

---

## מיטגלידער

בורשטיין, פייגע
בראנשטיין, פריידע
בראדסקי, מרס.
בינדער, עלקע
בעקעלמאן, איוואַ
בלומענפעלד, ראָזא
גאָלדבערג, יוכבד
געניק, לינא
גערמאַן, רבקה
וועקסלער, לינא

דראטמאַן, מרס.
דריקמאַן, איטע
וואלדמאַן, סילי
ווייס, לינא
כץ, שבע
ליבמאַן, סעררע
לעכמאַן, אסתר
מישנער, מרס.
מאנדעל, מרס.

מאלינסקי, חייקע
סיגעל, צאָני
סטענדער, סעררע
סיגמאַן, חוה
סענדלער, בעסי
סעלטצער, הינדע
פאַלליק, מיניונע
פיינגוד, פּיריל
פעפיר, ראָזא

פייגענבלאַט, זעלדע
פעלדמאַן, חנה׳צע
פארמאַן, ברכה
פאסטערנאק, באבע
פאסטערנאק, מאני
פאלאטניק, מרס.
ריטשמאַן, רבקה
שטיפעלמאן, רחל
שווייסבערג, ליבע

**What the Minkowitz Ladies Auxiliary under the leadership of Mrs. Ethel Melman-Kleiderman has accomplished**

The establishment of the Auxiliary began in 1934, when our friend Moshe Maiden returned from a visit in Russia and described for us the situation there. We were a small group then, but we accomplished a lot. In the years 1934-1936, when there was big famine in Russia, we didn't forget our countrymen there and we sent over the sum of three thousand dollars, and in 1937 we sent packages in the amount of $350.  We also rescued three children from the Nazi murderers and sent them to Eretz-Yisroel. Our relations here in America helped us financially many times. Also we sent over packages to our own American soldiers there, to the children of our members and also strangers.  When the Minkowitz Relief was founded, our Ladies Auxiliary was one of the first contributors and raised $500.

Here is the list of organizations that our Auxiliary has supported: Pride of Judea, Russian War Relief, Federation of Jewish Charities, American Red Cross, U.E.A., Red Star of David, Gewerkschaften (Labour Unions) Campaign, Rifert (Ripert) Hospital, American Jewish Congress, Incurable Home, Debora Sanitarium, Saratoga Convalescent and HAIAS.

**"Officers"**

Mrs. Ethel Melman-Kleiderman, Chairlady
Mrs. Sassi Kushner, First Vice Chairlady
Mrs. Jenny Garber, Second Vice Chairlady
Mrs. Hana'tsi Weisberg, Treasurer
Mrs. Rivke (or Rebecca) Jaeger, Finance Secretary
Mrs. Sarah Blinder, Recording Secretary

**MEMBERS**

Borstein, Feige
Binder, Elke
Goldberg, Yocheved
Wexler, Lina
Waldman, Cily
Libman, Serre
Mandel, Mrs.
Stender, Serre
Seltzer, Hinde
Pepir, Rosa
Forman, Bracha
Palatnik, Mrs.
Shweisberg, Libe
Branstein, Frejde
Bekelman, Eva
Genin, Lina
Dratman, Mrs.
Wise (Weiss), Lina
Lechman, Esther
Malinski, Chaike
Sigman, Chava
Faleck, Mignonne(Ray)
Feigenblatt, Zelde
Pasternak, Babe
Richman, Rivka
Brodski, Mrs.
Blumenfeld, Rosa
German, Rivka
Drikman, Aite
Katz, Sheva
Mishner, Mrs.
Sigel, Tzoni
Sendler, Bessi
Feingold, Peiril
Feldman, Chana'che
Pasternak, Mani
Shtifelman, Rachel

## A group from the Minkowitz Ladies Auxilliary

א גרופּע פון מינקאָוויצער לעידיס אוקזילערי



16

ערשטע ריי, פון רעכטס: ר. יעגער, א. לעכמאן, ס. קושנער, עטיל מעלמאן־קליידערמאן, ש. בלינדער,
ב. פאסטערנאק. שטייענדיג: ש. כ״ץ, מ. פאסטערנאק, י. גאָלדבערג, ל. שווייסבערג, און מ. פאליק.

First row from right: R. Yeger, A. Lechman, S. Kushner, Ethel Melman-Kleyderman, Sh. Blinder, B. Pasternak.
Standing: Sh. Katz, M. Pasternak, I. Goldberg, L. Shweisberg, and M. Faleck.

# זכרונות וועגן די מינקאָוויצער אין דעטראָיט

עס זעט אויס, אַז דער כבוד, וואָס איז מיר צוגעטיילט געוואָרן צו שרייבן זכרונות וועגן די מינקאָוויצער אין דעטראָיט, איז נישט בלויז דערפאַר ווייל איך בין דער עלטסטער מיטגליד פון דער מינקאָוויצער סאָסייעטי, נאָר אויך ווייל איך בין געווען דער ערשטער מינקאָוויצער איבערצוטרעטן די שוועל פון דער גרעסטער אויטאָמאָביל־אינדוסטריע־שטאָט אין דער וועלט. און ווען איך זאָג „די גרעסטע״, מיין איך פאָרד׳ס פעקטאָרי, וואו איך האָב געהאַט דאָס גליק צו אַרבעטן און פאַרדינען עלף און אַ האַלב דאָלער אַ וואָך, וואָס איז צו יענער צייט געווען אַ שלל מיט געלט — גאַנצע 23 רוסישע רובל.

פאַרשטייט זיך, אַז איין בריוו מיינער קיין ניו־יאָרק און אַ צווייטער קיין מינקאָוויץ, איז געווען גענוג אַז מ׳זאָל לויפן פון ארבע פינות העולם. און אַזוי איז טאַקע געווען, אַז אין גאָר אַ קורצער צייט איז שוין דאָ אין דעטראָיט געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל לאַנדסלייט. דאָס איז געווען אַן ערך מיט 33 יאָר צוריק, און ווען היינט־צו־טאָג ציילן זיך די מינקאָוויצער, קיין עין הרע, ביי הונדערט פאַמיליעס, אַריינרעכענענדיג דעם יונגן דור, כן ירבו.

אָבער נישט דאָס איז דער צוועק פון מיין שרייבן. דאָס איז בלויז אַ מין הקדמה. מיין אויפגאַבע איז צו דערקלערן ווי אַזוי און אונטער וועלכע אומשטענדן אונזער מינקאָוויצער סאָסייעטי איז געגרינדעט געוואָרן, און ווי אַזוי זי ווערט געפירט ביז היינט־צו־טאָג. איך ווינטש עס זאָל זיך מיר איינגעבן אויסצודריקן דאָס וואָס איך ווייס און אויך דאָס וואָס איך פיל אין באַצוג צו אונזער אָרגאַניזאַציע.

אויב דער יונגער דור פון אונזערע מינקאָוויצער וועט אַמָאָל באַשליסן צו שרייבן געשיכטע וועגן אונזערע לאַנדסלייט, וועלן זיי האָבן אַ געשריבענעם דאָקומענט, וועלכער וועט זיי אַ סך אַרויסהעלפן.

געווען איז דאָס נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען פיל פון די יונגע מענטשן האָבן זיך צוריקגעקערט פון מיליטער־דינסט בשלום. האָבן עטליכע היגע מינקאָוויצער און אומגעגנט לאַנדסלייט באַשלאָסן צו פייערן דעם פרידן מיט אַ גרויסער שמחה, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן אין אַ שיינעם האָל און וואו יעדער איינער האָט גענאָסן פון דעם שענסטן און בעסטן און זיך געלאָזט וואוילגיין. איך און נאָך איניגע פון אונזערע לאַנדסלייט זיינען אויך געווען געלאַדן צו דער שמחה, וואו מיר האָבן פאַרבראַכט אַ גאַנץ פיינעם, אנגענעמען אָוונט. ויהי כטוב לב המלך ביין, אַז דער עולם איז געוואָרן בגליפונ׳דיק, האָב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט און געמאַכט אַן אַפּיל, אַז מיר וואָלטן באַגאַנגען דעם גרעסטן פאַרברעכן ווען מיר לאָזן זיך דאָ אַזוי וואוילגיין און אונזערע אייגענע אומגליקלעכע ליידן אַזאַ נויט אין דער אַלטער היים. און בכדי צו באַרואיגן אונזער געוויסן זאָלן מיר שאַפן אַביסל געלט. מיר זאָלן קענען כאָטש מיט עפּעס זיי העלפן. עס האָט אַפּנים געווירקט, ווייל עס האָט לאַנג נישט גענומען און פילע האָבן זיך אָפּגערופן מיט ביישטייערונגען. עס איז געזאַמלט געוואָרן איבער הונדערט דאָלער. דאָס, קען מען זאָגן, איז געווען דער ערשטער אַריינטריט אין דער הייליגער אַרבעט.

די צווייטע געלעגנהייט צו שאַפן געלט האָבן מיר געהאַט ביי אונזערן אַ לאַנדסמאַן הערשי ראָזענבלאַט אויף אַ ברית, ביי וועלכן עס איז געזאַמלט געוואָרן קנאַפּע הונדערט דאָלער, גאָר אָן שוועריגקייטן.

אָט די צוויי פּאַסירונגען האָבן אונז געמאַכט זיך אַריינצוטראַכטן, אַז עס וואָלט געווען אַ פּלאַן צו גרינדן אַ מינקאָוויצער לאַנדסמאַנשאַפט, וועלכע זאָלן זאַמלען געלט פאַר אונזערע ליידנדיקע אין דער אַלטער היים.

ויהי היום. אין אַ שיינעם זונטאָג נאָכמיטאָג, דעם 19־טן אָקטאָבער, 1919, האָב איך צוזאַמענגערופן אַ מיטינג פון אונזערע מינקאָוויצער, צו מיר אין הויז, און אַלעמען דערקלערט דעם פּלאַן צו גרינדן אַ מינקאָוויצער הילפס־פאַראיין, מיטן צוועק צו העלפן אונזערע אייגענע אין מינקאָוויץ. אַלע זיינען געווען איינשטימיג, און אונטער דעם פאָרזיץ פון מענדל דינצין, אַלס טשערמאַן, זיינען גלייך דערוויילט געוואָרן באַאַמטע: טשאַרלס סיגעל, פינאַנס סעקרעטאַר; סעם זיידמאַן, טרעזשורער; סעם סיגעל, סעם סעלמאַן, סעם פרידמאַן, מאָריס וועקסלער און מאָראס זיידמאַן אַלס עקזעקוטיוו. און איך בען פרידמאַן, דער בעל דבר אַליין, אַלס דזשענעראַל סעקרעטאַר. און מיין אויפגאַבע איז געווען דורכצושרייבן זיך מיט פאָלגענדע שטעט: ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ, און זיי דערקלערן דעם פּלאַן פון אונזערע באַשלוסן און זיי אויך באַאיינפלוסן זיי זאָלן נאָכטאָן אונזער ביישפיל.

די איינציגע וואָס האָבן זיך אָפּגערופן זיינען געווען ניו־יאָרק. פילאַדעלפיע און שיקאַגאָ האָבן נישט געענטפערט, און ביזן היינטיגן טאָג ווייס איך ניט די אורזאַך.

דעמאָלט האָט זיך ביי אונז אָנגעפאַנגען די ריכטיגע אַרבעט. מיר זיינען געגאַנגען פון איין דערפאָלג צו אַ צווייטן. מיר האָבן דורכגעפירט אונטערנעמונגען, באַנקעטן, טעאַטערס, בעלער, און אַלץ מיט דעם גרעסטן דערפאָלג. מיר האָבן אָנגעפאַנגען שיקן געלט קיין מינקאָוויץ, וועלכע איז דאָרט צעטיילט געוואָרן צו די ליידנדיגע דורך אַ דאָרטיגער קאָמיטע פון 3 בעלי־הבתים און אויף יעדער האָבן מיר געקראָגן אַ קבלה. מיר האָבן אויך דערנאָך געשיקט געלט דורך אַ ניו־יאָרקער פאַרטרעטער, וועלכער איז געפאָרן קיין איירָאָפּע. עס האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג ביז 1929, ווען מיר האָבן דערהאַלטן די לעצטע קבלה פון דער מינקאָוויצער קאָמיטע, אַז מיר זאָלן מער קיין געלט נישט שיקן, ווייל עס איז אַן עבירה אונזער אַרבעט און אויך אונזער געלט. די אורזאַך קענען זיי ניט שרייבן. דעמאָלט האָבן מיר אויפגעהערט שיקן, און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אויך אויפגעהערט צו אַרבעטן. אַזוי איז אַוועק אַ שמיטה־יאָר.

אָבער מערקווירדיג, ווען מענטשן זיינען געוואוינט צו טאָן געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, קענען זיי ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. מיר האָבן גלייך גענומען אויפלעבן די האַלב־פאַרגעסענע מינקאָוויצער סאָסייעטי, כאָטש מיט אַ נייעם נאָמען, אנשטאט מינקאָוויצער הילפס־פאַראיין, האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן מינקאָוויצער פּאָדאָלער פאַראיין. דאָס איז אָבער נישט וויכטיג, ווייל דער צוועק איז דער זעלביגער, נאָר מיט מער חשק און מער ענערגיע. מיר שאַפן אונטערנעמונגען און מיר מאַכן געלט. נאָך גאָר אין אָנפאַנג מלחמה האָבן מיר שוין געקויפט באנדס, וועלכע

## Memories of Minkovitzers in Detroit

It seems that the honour of writing the memories of Minkovitzers in Detroit, was not granted to me solely because I am the oldest member of the Minkovitzer Society, but also because I was the first Minkovitzer to step over the threshold of the largest automobile-industry city in the world [Detroit]. And when I say the "largest" I mean Ford's factory, where I had the fortune to work and to earn eleven-and-one-half dollars a week, which in those times was a fortune of money - twenty-three whole Russian roubles.

Understandably, one letter to New York and another to Minkovitz were enough to set people running from the four corners of the earth. And so it was, that in quite a short while there were already quite a significant number of landsleit in Detroit. This was thirty-three years ago, and nowadays the Minkovitzers number a hundred families - may no evil eye harm them - including the young generation, so may they increase further.

But this is not the point of my writing; this is but my introduction. My task is to explain how and in which circumstances our Minkovitzer Society was founded, and how it is run to the present day. I wish that I should succeed in publishing what I know and what I feel in reference to our organization.

If the young generation of our Minkovitzers should ever decide to write the history of our landsleit, they will have a written document that will help them a lot.

It was after the First World War, when many young men had returned safely from military service, when several local Minkovitzer and nearby landsleit decided celebrate peace with a great party, which was carried out in a beautiful hall, and where everyone enjoyed themselves with the finest and the best, and they had a good time. I and several others of our landsleit were also invited to the party, where we spent quite a fine, pleasant evening. "And it came to pass, when the king's heart was merry with wine" [1] and the crowd became giddy, I used the opportunity to make an appeal, that we would be committing the greatest crime were we to let ourselves enjoy ourselves so, while our own unfortunate ones in the "old home" suffer such need, and so that we should relieve our consciences we should raise some money, so that we should can help them somewhat. It apparently worked, for it did not take long for many to call up with contributions. More than one hundred dollars were collected. This, one can say, was the first, introductory step to this holy work.

The second opportunity to raise money we had by a landsman of ours by a brith, by which was collected almost one hundred dollars quite without difficulty.

Just these two occurrences made us contemplate making a plan for a Minkovitzer "landsmanshaft" [2] which should gather money for our suffering ones in the "old home".

And it came to pass, on a fine Sunday afternoon, the nineteenth of October, 1919, that I called together a meeting of our Minkovitzers in my home, and explained to everyone the plan to found a Minkovitzer Assistance Union with the goal of helping our own in Minkovitz. They were unanimous, and under the chairmanship of Mendel Dinzen (Dintsen) [3] as chairman, being immediately appointed by election; Charles Segal (Sigel), financial secretary; Sam Seidmann (Zeidman), treasurer; Sam Segal (Sigel), Sam Selmann (Selman), Sam Freidmann (Fridman), Morris Wechsler (Veksler) and Morus [sic] Seidmann (Zeidman) as [the] executive [board]. And I, Ben Friedmann (Fridman), the man of the moment [4] himself, as general secretary. And my job was to correspond with the following cities: New York, Philadelphia, [and] Chicago to explain to them the plan of our decision and to influence them so that they should follow our example.

The only one to call up was New York. Philadelphia and Chicago did not answer, and to this day I do not know the reason.

Then there started by us the real work. We went from one success to another. We carried out undertakings, banquets, theater [performances], [and] balls, all with the greatest success. We began to send money to Minkovitz, which was divided there among the suffering by a committee of three distinguished lay members of the community, and for every [bit] we received a receipt. We also sent later a representative from New York, who traveled to Europe. It continued until 1929, when we received the last receipt from the Minkovitzer Committee, [which said] that we should not send any more money, because our work is a waste [5] and our money as well. They could not write the reason. Then did we stop sending. It is self-understood that we stopped working as well. So passed seven years.

But it is remarkable how people who are used to doing community work cannot sit idle [6]. We immediately began to revive the half-forgotten Minkovitzer Society, albeit with a new name, instead of the Minkovitzer Assistance Union, the Minkovitzer "Podoler" [7] Union. This is, however, not important, for the goal is the same, but with more enthusiasm and more energy. We start undertakings and we make money. Still at the very beginning of the war, we bought bonds, which [end of page 17]

---

[1] Quote from the book of Esther, i. e. drunk.
[2] Literally "landsmanship".
[3] I try to spell the family names as I think they would have been spelt followed in brackets with its pronunciation according to its Yiddish spelling.
[4] Difficult to translate here, in context it means the one who brought it about.
[5] Literally "a sin", that is, it is not needed.
[6] Literall "with folded hands".
[7] Translation unsure.

ליגן און וואַרטן אויף דער געלעגנהייט. מיט איין וואָרט, כי לא ישן לישראל, אידעלע שלאָפט ניט. ספּעציעל אונזער באַנקעט פון היינטיגן יאָר רעדט פאַר זיך אַליין: אויף אַזאַ גרויסן אומדערוואַרטעטן דערפאָלג האָבן מיר זיך ניט געריכט. נאָך אַלעמען זיינען מיר דאָך אַ הייפעלע מיטגלידער אין פאַרגלייך מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, און דאָך איז געשאַפן געוואָרן 10 טויזנט דאָלער. וואונדערבאַר! יעדער איינער האָט געגעבן מיט דעם גאַנצן האַרצן און מיט דער פולער האַנט. נישט נאָר אַ פינאַנציעלער דערפאָלג, נאָר אויך אַ מאָראַלישער. אַלץ איז געווען אַראַנזשירט אויף דעם שענסטן און בעסטן אופן.

דאָס וועלן באַשטעטיגן די 2 ניו־יאָרקער געהויבענע געסט: מרס. בעלאַ פינקעל און מר. יואל סטילמאַן, וועלכע האָבן אונז פאַרשאַפט דעם כבוד מיט זייער אנוועזנהייט צו אונזער באַנקעט.

מיר גייען פון איין דערפאָלג צום צווייטן. איצט גייען מיר אַראַנזשירן אַ חנוכה־אונטערנעמונג, און מיר האָפן צו מאַכן אַ גרויסן דערפאָלג. פאַרשטייט זיך, אַז מיר וואָלטן קיינמאָל נישט געקענט דורכפירן די אַלע אונטערנעמונגען מיט אַזאַ דערפאָלג, ווען מיר האָבן ניט די פולע שטיצע פון אונזערע איבערגעגעבענע מיטגלידער, „כי אין מלך בלא עם“, עס קען ניט זיין אַ פירער ווען דאָס פאָלק איז ניט מיט אים. מיט אונז איז אָבער דאָס פאָלק. אַלע אונזערע מיטגלידער רופן זיך אָפּ אויף דעם שענסטן און בעסטן אופן. זיי בעטן ממש מ׳זאָל ביי זיי צונעמען דאָס געלט.

ערשט מיט אַ מאָנאַט צוריק האָט דאָס פּאַסירט ביי אונזערן אַ מיטינג. וואו עס איז פאַרהאַנדלט געוואָרן אַ פראַגע וועגן שטיצן אַ געוויסע אינסטיטוציע, און דער מיטינג האָט דורך אַן אָפּשטימונג באַוויליגט צו שטיצן פון קאָסע מיט אַ באַדייטנדיגער סומע פאַר דעם צוועק. שטעלט זיך אויף איינער פון אונזערע מיטגלידער און זאָגט, אַז ער דענקט די באַוויליגטע סומע איז נישט גענוג. ער איז אַלזאָ וויליג צוצולייגן פון זיין קעשענע 10 דאָלער. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז נישט וויכטיג צי מ׳האָט גענומען זיינע 10 דאָלאַר. וויכטיג איז דאָס גוטע האַרץ. און אַזעלכע מיטגלידער האָבן מיר אַ סך, נישט צו פאַרזינדיגן.

אַלזאָ, ווי איר זעט, גייט ביי אונז די אַרבעט אין פולער קראַפט, מען שאַפט אונטערנעמונגען און מען מאַכט געלט, און דאָס געלט ליגט און וואַרט אויף דער ערשטער געלעגנהייט, אַז אונזערע אומגליקלעכע איבערגעבליבענע שוועסטער און ברידער, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון דעם גיהנום, זאָלן זיך וואָס מער און וואָס שנעלער אָפּרופן, און מיר וועלן זיי העלפן מיט דער פולער האַנט.

בען פרידמאַן הנקרא בן ציון יוסף מאיר׳ס פון מינקאָוויץ.



אַ יאַריד אין מינקאָוויץ



**A Fair in Minkovitz**

[We purchased bonds which] lie and wait for the opportunity [to redeem them]. In one word [phrase]: the Jew does not sleep. In particular, our banquet of this year speaks for itself: we did not count on such an unexpected success. After all said, we are still but a handful of members in comparison to other organizations, but yet ten thousand dollars were raised. Wonderful! Everyone gave with their whole heart and a full hand. Not only a financial success, but a moral success, too. Everything was arranged in the finest and best manner.

Our two exalted guests from New York can confirm this: Mrs. Bella Finkel and Mr. Joel Stillman who honored us with their attendance to the banquet.

We are going from one success to another. We are now going to arrange a Channukah-undertaking, and we hope to make [it] a great success. It is understood, [of course,] that we would never have been able to carry out all [these] undertakings with such success, were we not to have the full support of our devoted members, "for there is no king without a nation" [1], for there is no leader when the people is not with him. However, by us, the people is with us. All our members respond in the finest and best manner. They practically ask us to take away their money.

Just a month ago, there was a meeting by us, where a question of supporting a certain institution was discussed, and the meeting agreed, by vote, to support from the funds with a significant amount for this goal. One of our members stood up and said that he thinks that the voted sum is not enough, so he is willing to add, from his own pocket, ten dollars. Understandably, it is not important if his ten dollars were accepted. It is important that he has a good heart - and we have many such members, not to be accusing [2].

So, as you see, work goes on by us with full force, we create undertakings and we make money, and the money lies and waits for the first opportunity, that our unfortunate remaining sisters and brothers who have saved themselves from Hell should call up as fast as possible, and we will help them with a full hand.

**Ben Friedman, who is called Bentzion, Yosef Mayer's [son], from Minkovitz.**

Caption: **A Fair in Minkovitz**.

---

[1] Talmudic quote.
[2] An expression very difficult to translate, essentially means that by pointing out his good deed, he does not mean to exclude the others, originates from superstition.

# מיין שטעטעלע מינקאָוויץ

## פון לואיס סטילמאַן

ווען איך קוק זיך צו מיט וואָס פאַר אַ התלהיבות מיינע לאַנדסלייט גייען דאָ אָן מיט רעליף־אַרבעט, און ווען איך זע ווי די לאַנדסלייט פון די אַרומיגע שטעטלעך קוקן אַרויף צו זיי און לויבן זיי, איז דאָס מיר ניט פרעמד. עס קומט ביי מיר, עפּעס, אויס ווי נאַטירלעך, ווייל איך דערמאָן זיך, אַז דאָרט, אין דער אַלטער היים, איז אויך אַזוי געווען. אין אַלע שכנ׳ישע שטעטלעך האָט מען מיין שטעטעלע געהאַלטן פאַר אַן אינטעליגענט און אינטערעסאַנט שטעטל. באַקענט זיך מיט דעם!

אַרום פופציג וויאָרסט, דרום־מערב פון קאַמעניעץ, די הויפּט־שטאָט פון פּאָדאָליער גובערניע, אויפן קאַזיאָנע וועג צווישן קאַמעניעץ און מאָהילעוו־פּאָדאָלסק, אויף דער אוקראַינישער שוואַרצער ערד אין אַ טאָל, ליגט מיין שטעטעלע מינקאָוויץ.



ווען מען באַקוקט מיין שטעטעלע פון איינעם פון די בערג, וואָס רינגלען דאָס אַרום, זעט עס אויס ווי עס וואָלט געליגן אין אַ גרינער שיסל.

די אושיצע, אַ טייכל אַזאַ, וואָס ווערט באַנוצט אַלס טרייב־קראַפט פאַר מילן, — וואָס דינט אַלס באָדפּלאַץ פאַר מענטשן און פערד צוזאַמען אין זומער, און אַלס גליטש־פּלאַץ פאַר קונדיסים אין ווינטער, אַ טייכל וואָס ווערט ביי טאָג באַגילדט פון דער זון און ביי נאַכט באַזילבערט פון דער לבנה, און דינט פאַר יונגע פּאָרלעך אַלס אינספּיראַציע פאַר ליבע, צי עס איז אויף דער נייער בריק אָדער אויף דער אַלטער, — אָט דאָס טייכל שלענגלט זיך אַרום מיין שטעטעלע און גיט דעם צו טויזנט חנ׳עז.

אַ זומער פאַרנאַכט, ווען די לופט איז אנגענעם־וואַרעם און עס רייסט זיך ממש אין דער נאָז אַריין דער אַראָמאַט פון די גערטנער און טעדער, וועלכע רינגלען אַרום די פויערשע הייזער אַרום מיין שטעטעלע; ווען די ריחות פון פריש־געשניטענעם היי און קאָרן, וואָס די פויערים האָבן אַדורכגעפירט אין גרויסע וועגענער דורך דער שטאָט האָבן אָנגעפילט דעם אַרום; ווען די זון האָט זיך גענומען שפּילן מיט די ביימער פון׳ם יאַסינאָווע וואַלד, אַרונטערלאָזנדיג זיך אונטער דעם מערב־באַרג און דער אַרום האָט זיך אָנגעהויבן פאַרטונקלען; ווען דאָס געזאַנג פון דער פויערשער יוגנט, וועלכע איז געגאַנגען פון די פעלדער האָט דערגרייכט די אויערן; ווען דער גאַנצער מענטשלעכער וועזן איז אַרומגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג פון דער אינסעקטן־סימפאָניע, באַגלייט פון׳ם זשומען פון׳ם טייכל, — האָט מען געקאָנט פאַרכישופט ווערן. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז מען איז אין אַ גן־עדן.

ווי איז דאָס גערעדט געוואָרן, אַז מען איז זאַט, אַז מען גייט אָנגעטאָן ווי עס באַדאַרף צו זיין און אַז די היגיענישע באַדינגונגען אינ׳ם שטעטל גופא זיינען מענטשלעך. ווי־זשע איז דער דין, אַז אַחוץ די ריחות פון דער בליענדיגער נאַטור אַרום זיינען געווען נאָך ריחות? ווייל יעדע וואָך איז אין שטאָט געווען אַ מאַרקטאָג און יעדע צוויי וואָכן אַ יאַריד, און עס זיינען געקומען אין שטאָט אַריין טויזנטער מענטשן מיט פי און חזירים, און מען האָט אנגעמיסטיגט. און כאָטש דאָס שטעטל האָט געדאַנקט דעם בורא עולם פאַר די יאַרידן, ווייל דאָס איז געווען זייער איינציגע יניקה, — די גאַסן, אָבער, האָט מען גערייניגט בלויז איין מאָל אין אַ יאָר אָדער אין צוויי, ווען דער גובערנאַטאָר האָט באַדאַרפט דורכפאָרן, און קיין קאַנאַליזאַציע איז אויך ניט געווען.

די קליידונג איז מערסטנס געווען אַזאַ, אַז מען האָט זיך געמאַכט אַ קאַפּאָטע צו דער חתונה האָט מען פון איר איבערגענייט אַ מלבוש פאַרן ערשטן בר־מצוה־זון, און אַמאָל האָט מען זי געטראָגן נאָך לענגער. און אַז מען האָט באַדאַרפט מאַכן אַ גאַרניטורל, אָדער אַ פּאָר שיכעלעך פאַר אַ קינד, איז דאָס אָנגעקומען כקריעת ים סוף. מען האָט געקאָנט זען ווי אַ איד אַ מיוחס, אַ „סוחר״, טראָגט אַ זשעקעט פול מיט לאַטעס, צי אַן אַנדערער יחסן האָט פאַרבונדן אַ שוך מיט אַ שטריקל, כדי אונטערצוהאַלטן דעם זויל, און די אינגלעך, די קונדיסים, פלעגן זאָגן אַז דער און דער . . . גייט אויף אַ שטריק.

און ווי איז דער דין, אַז מען איז הונגעריג? און ניינציג פּראָצענט פון דער מינקאָוויצער אידישער באַפעלקערונג איז געווען הונגעריג. אַ טייל נאָך פּרנסה, די יוגנט נאָך לערנען און אַ גרויסער טייל איז געווען פּשוט הונגעריג נאָך ברויט.

אין אַזאַ לאַגע ליגט ניט אין קאָפּ צו גיין אויף די בערג און באַקוקן און באַוואונדערן דאָס שטעטל. אין אַזאַ לאַגע הויבט מען אויף די אויגן צו די בערג און מען פרעגט: פון וואַנען וועט קומען מיין הילף?

האָבן זיך, אפשר, מינקאָוויצער אידן פאַרלוירן? ניין. איז אפשר די יוגנט אַרום געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ? חלילה. מען האָט געהאָפט אויף אַ ליכטיגער צוקונפט, כאָטש מען האָט ניט געוואוסט פון וואַנען זי וועט קומען. ווער עס האָט געהאַט בטחון אין גאָט, ווער אין שיקזאַל און ווער אין אַן אַלגעמיינער פאַרבעסערונג.

איז געווען אין שטאָט אַ „שקאָלע״, און מען האָט קיין אידישע קינדער ניט דערלויבט אין איר צו לערנען, האָבן אידן אָפּגעריסן פון׳ם ביסן פון זייער מויל און מען האָט געצאָלט שכר־לימוד צו מלמדים און מען האָט געצאָלט צו לערער פאַר וועלטלעכע לימודים. מען האָט געגרינדעט אַ תלמוד תורה, וואו מען האָט געלערנט אָרעמע קינדער אומזיסט. און ווער ער האָט געקענט מער האָט געלערנט, געהאָלפן דעם וואָס האָט געקענט ווייניגער. און

**My Shtetl Minkovitz, by Louis Stillman**

When I look on with what enthusiasm my landsleit go on with relief work, and when I see how the landsleit of the surrounding shtetlech [1] look up to them and praise them, it is not strange to me. It comes to me somewhat as if naturally, because I remind myself that there, in the "old home", it was also so. In all the surrounding shtetlech, my shtetl was held as an intelligent, interesting shtetl. Let us become acquainted with this!

About fifty "viarst" [2] southwest is Kamenietz, the capital of the Podolia Gubernia [3], on the "koziane" [4] road between Kamenietz and Mohilev-Podolsk, on the black Ukainian soil in a valley, lies my shtetl Minkovitz. When one observes my shtetl from one of the mountains that encircle it, it looks as if it lies in a green bowl.

The Oshitze, a stream, which is used as the power source for milling, which serves as a bathing-place for men and horses together in the summer, and as a sliding-place for "kundisim" [5] [children] in the winter, a stream that becomes gilded in the day from the sun and silvered at night from the moon, and serves for young couples as an inspiration for love, whether (it is) [they are] on the new bridge or the old - behold! the river snakes itself around my shtetl and gives it (a thousand graces) [a thousandfold grace].

A summer evening [6], when the air is pleasantly warm, and the aroma of the gardens and fields [7], that surround the peasants' houses around my shtetl, rips into one's nose; when the odours of freshly cut hay and produce, which the peasants drove through the city in large wagons, filled the surroundings; when the sun began to play with the trees of the Yasinover forest, lowering itself under the western mountains, and the surroundings began to darken; when the song of the peasantry's youth which went from the fields [and] reached one's ears; when the whole human being was surrounded with inspiration of the insect-symphony, accompanied by the humming of the river - one could become enchanted. One could think that one was in Paradise.

When is this said [however], when one is full, when one is dressed as is needed, and when the hygienic services in the shtetl itself are decent. What, then, is the case [8] if, besides for the odours of nature [all] around, there are other smells? For every weeks there was a market day in the city, and every two weeks a fair, and there came into the city thousands of men with cattle and pigs, and [they] filthied [the city] [9]. And though the shtetl thanked the Creator of the world for the fairs, for it was their sole nourishment, the streets, however, were cleaned but once or twice a year, when the Gubernator [10] needed to pass through; and there was no sewerage either.

The clothing [situation], for the most part, was such, that if one had a "kapote" [11] made for one's wedding, one had it sewn again for the first son that became "bar-mitzvah", and sometimes it was worn longer. And if one needed to make a suit, or a pair of shoes for a child, it was got [with as much difficulty] as the Splitting of the Red Sea. One could see how Jew with great pedigree, a merchant, wore a jacket full of patches, or another respected person would tie [his] shoe with a string to attach the

sole, and the boys, the "kundisim" [5], would say that [both] this one and the other go on a string [12].

And what would be the case [8] if one was hungry? And ninety percent of the Minkovitzer Jewish population was hungry. A part was [hungry] for sustenance, the youth were [hungry] for learning, and the greater part was simply hungry for bread.

In such a situation, it doesn't occur to one [13] to go on the mountains and examine and admire the shtetl. In such a situation, one lifts one's eyes to the mountains and one asks: from whence shall my help come? [14]

Perhaps the Minkovitzer Jews lost themselves? No. Perhaps the youth went around with their heads bent? G-d forbid! One hoped for a bright future, though one did not know from where it would come. Whether [15] they had faith in G-d, whether they had faith in luck or in general improvement.

There was a "Shkola" [16] in the shtetl, and Jews were not allowed to learn there, so the Jews ripped the morcels [of food] from their mouths and paid tuition for Melamdim [17] and they paid for [private] teachers to teach them secular studies. They founded a Talmud Torah [18], where they taught poor children for free. And he [the student] who knew more taught [and] helped the one who knew less. And [...]

[End of page]

---

[1] Plural of shtetl.
[2] If this is the same as the Russian measurement "verst", then he means about thirty miles.
[3] Administrative region.
[4] Polish, translation unknown.
[5] Hebraized or Aramaicized Greek or Latin, I cannot find in Jastrow's dictionary of any meaning appropritate in context, except for "poles" which here would be skis, though later on the author uses it to mean "children".
[6] Notice that I have translated this paragraph alternating haphazardly between the past and present tense; it is the same in the original.
[7] The original has "seder", which, according to the rules of Yiddish grammar, should be the plural of "Sode", which, as far as I know, does not exist in Yiddish, so I suppose it is a strange, "Yiddishized" spelling of the identical Hebrew word which means "field".
[8] Literally "the judgement".
[9] I have chosen not to translate this last phrase literally.
[10] Polish official.
[11] A sort of caftan.
[12] I translate literally because I do not grasp the pun.
[13] Literally "it doesn't lie in one's mind".
[14] Quote from Psalms 121.
[15] Literally "whoever".
[16] Polish "school".

[17] Hebrew "religious teachers" (singular: "melamed").
[18] Hebrew "religious school".

עס האָט שטענדיג געבליט און געוואַקסן אין׳ם שטעטל, לויט די אומשטענדן, אַ מער־וויינציגער אינטעליגענטע יוגנט. און די איראָניע! די פּריווילעגירטע, ניט־אידישע, וועלכע האָבן געמעגט גיין אין שקאָלע אַריין, ווען זיי זיינען אונטערגעוואַקסן, פלעגן זיי צאָלן צו די ניט־פּריווילעגירטע, זיי זאָלן שרייבן פאַר זיי בריוו און פּראָשעניעס.

אינספּיראַציע אָנצוגיין מיטן לעבן אונטער אַזעלכע באַדינגונגען האָבן זיי גענומען פון זייער אייגן האַרץ. און אַ האַרץ האָט די באַפעלקערונג פון מיין שטעטעלע געהאַט אַ גאָלדנס. דעם לעצטן גראָשן האָט מען אַוועקגעגעבן צו העלפן נויטליידנדיגע.

איז ווען דורכגעפאָרן עמיצער וואָס איז גע׳רודפ׳ט געוואָרן פון דער צאַרסקער פּאָליציי, האָט מען שוין אַליין ניט געגעסן, נאָר דעם דורכפאָרער אָנגעהאָדעוועט און נאָך אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר גראָשן, או געזען אַז דעם צווייטן טאָג זאָל שוין דער אורח זיין פון יענער זייט גרעניץ.

צווישן פּורים און פּסח פעלגט די יוגנט גאַנצע נעכט קנעטן און באַקן מצות פאַר אָרימע־לייט אויף יום־טוב. רכילות־טרייבער פלעגן, אפילו, זאָגן, אַז די אינגלעך גייען צו די מצות צוליב די מיידלעך און די מיידלעך צוליב די אינגלעך. אָבער ווען די אָרעמע מענטשן האָבן זיך אַוועקגעזעצט צום סדר מיט מצות און מיט מרור גלייך מיט אַלע אידן, זיינען שוין די זינד פון דער יוגנט פאַרגעבן געוואָרן.

איז עמיצער קראַנק געוואָרן אויף אַ שווערער קראַנקהייט, ספּעציעל, אַן אָרעמער אָדער אַן עלנדער, איז געווען אַ לינת הצדק, און ווי אין אַנדערע הילפס־אינסטיטוציעס, אַזוי אויך אין דער, איז די יוגנט געווען מערסטנס פאַרטראָטן. און מען איז געגאַנגען, אויף מסירת נפש, נעכטיגן און אַכטונג געבן אויפן חולה, און נאָך עפּעס אַריינגעבראַכט אין הויז אַריין. בייזע צינגער פלעגן זאָגן, אַז מען שפּילט דאָרט ליובקעס. אַזוי צי אַזוי, מען האָט טיפוס־קראַנקע געוויקלט אין ליילעכער און אַליין האָט מען זיך געבאָדן אין טויטלעכע באַצילן. מען איז אָבער ניט מיד געוואָרן. זיינען איינציגע פון דער הילפס־בריגאַדע קראַנק געוואָרן, האָט דאָס, פונדעסטוועגן, ניט אָפּגעשטעלט די אַנדערע צו גיין און זיך, פשוט, איינשטעלן דאָס לעבן און אַכטונג געבן אויף די חולאים. אָט פון אַזאַ טייג איז געקנאָטן דער מינקאָוויצער מענטש.

אַזויפיל איז געטאָן געוואָרן דאָרט אין מיין שטעטעלע אין נאָרמאַלע צייטן און אונטער נאָרמאַלע באַדינגונגען. און איצט, ווען דאָס שטעטל האָט דורכגעמאַכט אַזוי פיל טראַגישע מאָמענטן, איז ביי מיר קיין וואונדער ניט וואָס מיינע לאַנדסלייט דאָ, וועלכע זיינען מערסטנס פון די אַמאָליגע טוער פון דאָרטן, זעצן פאָר זייער אַמאָליגע אַרבעט אויף זייער שטייגער.



מינקאָוויצער אידן גייען צו תשליך אויף דער נייער בריק



Minkovitzer Jews go for Tashlikh on the new bridge.

.... there blossomed and grew a more or less intelligent youth, considering the circumstances. And the irony! When the privileged non-Jews, who were allowed in the "Shkola", grew up, they would pay the unprivileged [Jews] to write for them their letters and their "proshenias" [1].

[The] inspiration, to go on with life under such conditions, they took from their own heart. And the population of my shtetl had a golden heart. Their last "groshen" [2] they gave away for the suffering needy.

And when there drove through someone who was pursued by the Tsarist police, they did not eat themselves but reared the passer-by and spared him a few "groshen" [2], and saw to it that by the next day the newcomer should already be on yonder side of the border.

Between Purim and Passover the youth would knead [dough] and bake "matzot" for the poor for the holiday all night long. Gossips would even say that the boys go to [help with] "matzot" because of the girls and the girls because of the boys. But when the poor sat themselves to the Seder feast with matzot and with bitter herbs, equal with all the other Jews, the sin of the youth was already forgiven.

Should someone fall ill with a difficult illness, especially a poor man or a lonely one, there was the "Linat HaTzedek" [3], and as in other help-institutions, so there was in this one, that the youth were the most represented. And they went, with selfless devotion [4], to spend the night with and watch over the patient, and brought things into his house as well. Angry tongues would say that they played "lyubkes" [5] there. However [it was], they draped those sick with typhus in sheets and [while] they bathed themselves in deadly bacteria. But they did not tire. Should one of the help-brigade fall ill, nevertheless it did not stop the others from going and simply endangering their lives and watch over the sick. From such dough was the Minkowitzer man [6] kneaded.

So much was done there in my shtetl in normal times and under normal conditions. And now, when the shtetl has gone through so many tragic moments, it is no wonder to me that my landleit here, who were the former doers there, set forth there former work with their manner.

---

[1] Polish, translation unknown.
[2] Polish, unit of currency.
[3] Hebrew, a community organization which assures that the poor have were to sleep, among other functions.
[4] It is hard to bring out all the meaning of this Hebrew phrase, its literal meaning is "giving over one's soul".
[5] Polish or Russian, translation unsure, but seems to contain the root "lyub" or "love".
[6] In the sense of "person".

# אַביסל פּערזענלעכע זכרונות פון מינקאָוויץ



עפּיזאָד פון **חיים דרוקמאַן**

צו שרייבן זכרונות פון די יאָרן 1917־20 וועגן די אידן אין אוקראַינע אונטער פאַרשידענע שלעכטע און ערגערע רעגירונגען, וואָס האָבן זיך אַזוי אָפּט געביטן בכלל, און צו שילדערן די ליידן, יסורים, שענדונגען, רויבערייען און פּאָגראָמען אַפילו אין אַזאַ קליין שטעטעלע ווי אונזער מינקאָוויץ בפרט, וועל איך גאָר ניט וואַגן. בלויז אַ באַגאַבטער קינסטלער־שרייבער איז דאָס בכוח צו טאָן. איך וועל בלויז פּרובירן צו באַשרייבן אַ פּערזענלעך־איבערגעלעבטן עפּיזאָד, וואָס איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

עס איז געווען אין יאָר 1919, אַרום שבועות־צייט, אַ שבת גאַנץ פרי. כ׳האָב ערשט אָנגעהויבן צו דרעמלען, ווייל שוין נעכט אַז כ׳בין ניט געשלאָפן (עפּעס בין איך דאָך אַ 17־יאָריג אינגל געווען, איינער פון דער יוגנט, וואָס האָט דורך די נעכט געוואַכט, צו הערן און צו וויסן ווען אַן אומגליק קומט). ליגנדיג אַזוי, די מלבושים ניט אויסגעטאָן שוין פון וואָכן לאַנג, מיד פון ניט דערשלאָפן, פון הונגער און פון שרעק, די אויגן בלויז צוגעמאַכט. פּלוצים, אַ קנאַק אינ׳ם זייטל פונ׳ם בעט. ס׳האָט מיט מיר אַ וואָרף געטאָן כמעט ביז צו דער סטעליע. מיינע אויגן האָבן זיך מיטאַמאָל שרעקלעך ווילד און ברייט צעעפנט, און ווען זע איך פאַר מיינע ווילד־דערשראָקענע אויגן? אַ היידאַמאַק. אַ ווילדער, רויטער, געשטיפּלטער גזלן מיט בלוט־אָנגעגאָסענע אויגן, אַן אָנגעפּרעסענער, אָנגעזויפּטער, פאַרפּוצט אין בגדי פּעטליורא: הויזן ברייטע מיט רויטע פּאַסן, אַן אויסגענייט אוקראַאינער העמד, דער הינטערשטער האַלבער קאָפּ מיט אַ רויטן „וואָרעק" באַדעקט, און דער פאָדערשטער האַלבער קאָפּ אָפּגעגאָלט, בלויז אַ הערינגל מיט האָר איבערגעלאָזט (סעלעדעץ האָט זיך דאָס גערופן), און כּלי־זין מכל המינים. אַ היידאַמאַק מיט אַלע קליפּערלעך.

„קום, פאַרשיוועך זשידאָק!" זאָגט ער. איך גיי. אַ ברירה האָב איך? איך—פאָראויס, ער—נאָך מיר, די ביקס אַקעגן מיר געצילט. אַזוי האָבן מיר דאָס הויז פאַרלאָזט.

די מאַמע, נאָך אונז, לויפט מיט אַ יללה: „געוואַלד, ראַטעוועט מיין חיימ׳ען, מען פירט אים שיסן!" — כ׳קאָן ביז איצט ניט באַגרייפן, וואו האָט מיין אָרעמע מאַמע גענומען די כוחות דעמאָלט צו לויפן צום אידישן סטאַראָסטאַ נאָך הילף? (וואָס האָט ער ,נעבעך, געקאָנט טאָן? איז דען זיין לעבן ניט געווען פּונקט אַזוי הפקר ווי מיינס?) און מייִנע שוועסטערלעך, נעבעך, די צום טויט דערשראָקענע, קושן דעם רוצח, בעטן אים וויינענדיגע: לאָז אָפּ אונזער ברודער, פּריצ׳ל, ער איז איצט אויך אונזער פאָטער! (מיין טאַטע, עליו השלום, איז אין אַמעריקע געווען.)

— „טשעפּעט זיך אָפּ פון מיר," זאָגט ער, „זלידניעס, פאַרשיווע ווערים, איידער איך שיס אייך אויס ווי די הינט!"

מיין מומע שרה, אַ טראָגנדיגע אין די לעצטע טעג פונ׳ם ניינטן חודש, בעט, גלעט און קושט די שטיוול פונ׳ם גזלן, און אַזוי בעטנדיג פאַר מיר רחמים איז זי אין חלשות געפאַלן.

אומזיסט זיינען געווען די קולות און יללות. ער — אויפן פערד, איך — ביי זיין רעכטער זייט, פיר שפּאַן פון אים, די ביקס געצילט אַקעגן מיין קאָפּ. און מיר זיינען שוין אויפן שאָסיי, דער וועג וואָס פירט פון מינקאָוויץ קיין נאָווא אושיצע.

— פאַרוואָס פירסטו מיך, פּאַניע? — פרעג איך אים. — „ווייל דו ביסט אַ זשיד," זאָגט ער, „און אַלע זשידעס זיינען באָלשעוויקעס, און מ׳דאַרף זיי אַלע אויסשיסן ווי די הענט." — און וואוהין פירסטו מיך ,ברודערל? — „אין שטאַב אַריין." — און וואו איז דער שטאַב? — „אין וועלדל" (איר הערט אַ לשון?) —

פאַרגעסט ניט, אַז אויך אין יענע טעג איז אידיש לעבן געווען הפקר. קיין דין וחשבון האָט קיין מערדער ניט באַדאַרפט אָפּגעבן פאַר קוילן אַ אידן. און אין וועלדל אַריין האָט געמיינט זיכערער טויט.

ער—אויפן פערד, איך—ביי זיין רעכטער זייט. מיר זיינען שוין אויף דער נייער בריק, און דאָס וועלדל שטייט מיר שוין פאַר די אויגן. כ׳רעד צו אים ווי מענטש צו מענטש, איך בעט אים, איך וויין נישט. עפּעס איז מיין טרערן־קוואַל פאַרשטעלט געוואָרן. וואו איך האָב, דעמאָלט, אַזוי פיל רייד גענומען און וואָס כ׳האָב דעמאָלט גערעדט, געדענק איך ניט עד היום.

„גיי, זשיד," זאָגט ער, „איך וועל קומען נאָך דיר מאָרגן." — איך דאַנק אים, און גיי אָפּ בלויז אַ פיר־פינף טריט, ווי ער רופט מיך צוריק. אָט אַזוי האָט דער רוצח געשפּילט מיט מיר אַ קאַץ־און מויז־שפּיל. פיר מאָל „גיי" און „קום צוריק". דאָס איז געווען זייער טאַקטיק צו רייצן זיך מיט זייערע קרבנות, איידער זיי האָבן זיי דער׳הרג׳עט.

ער—אויפן פערד, און איך—ביי זיין זייט. מיר זיינען שוין ביים אידישן בית־עולם און דאָס וועלדל קומט אַלץ נעענטער און נעענטער. און איך רעד, רעד, און בעט ביי אים רחמנות.

„גיי", זאָגט ער צום פינפטן מאָל, „איך וועל נאָך קומען נאָך דיר." — כ׳דאַנק אים. איך גיי צוריק פּאַוואָליע, כ׳לויף ניט. מיין אינסטינקט האָט מיך געוואָרנט פון לויפן אין אַ סכנה׳דיגער רגע. און איך ריכט זיך יעדע סעקונדע צו קריגן אַ קויל אין רוקן.

דער אומגלויבלעכער נס איז געשען. מיין מאַמעס יללות, מיינע שוועסטערלעכס טרערן און מיינע מומע שרה׳ס חלשות־פאַלן האָבן ערגעץ אַ זכות אויפגעוועקט, און דער רוצח האָט מיך אויף־אַן־אמת, צו מיינע טייערע, אַ לעבעדיגן און אַ גאַנצן אָפּגעלאָזט.

Some Personal Memories of Minkovitz
[An] episode from Chaim Druckman

I will not at all dare to write [down] memories of the years 1917-1920 of the Jews in Ukraine under various bad and worse governments [1], which changed so often, in general, or to describe the suffering, pains, violations, looting, and pogroms even in such as small a shtetl as our Minkovitz, in particular [2]. To do so is only in the ability of a gifted master [3] writer. I will only attempt to describe an episode experienced personally which I will never forget.

It was in the year 1919, around Shavuot time, quite early on Shabbat. I had just begun to doze, because [it had been] already [many] nights that I did not sleep (I was, after all, a seventeen-year-old boy, one of the youth, that watched through the nights, to hear and to know when a misfortune is coming). Lying so, not having taken off those cloths [that I was wearing] several weeks, [4] myself from not having slept fully, from hunger and from terror, [my] eyes just closed. Suddenly, a knock at the side of the bed. It shook me up almost to my skeleton [5]. My eyes opened horribly wildly and wide, and who do I see before my wildly-horrified eyes? A haidamak [6]. A wild, red, a "geshtipelt" [7] bandit with bloodshot eyes, a gluttonous, drunken [8], adorned with the Petliura uniform: baggy [9] pants with red stripes, an embroidered [10] Ukrainian shirt, the lower part of [his] head covered with a "varek" [11], and the front part of his head shaved, only a "herring" of hair left over ("seledetz" they called it), and weapons of all sorts. A haidamak with all the "kliperlech" [12].

'Come, "parshiver [13] zhydok [14]"!' says he. I go. Do I have a choice? I - in front, and he - after me, [his] gun aimed at me. So we left the house.

[My] mother ran after us with a shriek: 'Gevald! [15] Save my Chaim, they are leading him [away] to shoot [him]!' Up to now, I can not grasp: from where did my poor mother take the strength to run then to the Jewish Starosta [16] for help? (What could [the Starosta], nebekh [17], have done? Was his life, then, not as cheap [18] as mine?) My little sisters, nebekh [17], who are scared to death, kiss the murderer, begging him cryingly: Let off our brother, little poritz [19], [for] he is now our father, too! (My father, of blessed memory, was in America.) "Detach yourselves from me," says he, "zlidnies [20], parshiver [13] worms, before I shoot you like dogs!"

My aunt Sarah, pregnant and in her ninth month, begs, strokes and kisses the bandit's boots, and so, begging for me with mercy, fell from frailty.

The cries and yells we're for nothing. He - on the horse, I - on his right side, four spans from him, [his] gun aimed toward my head, and we are already on the main road, that goes from Minkovitz to Nova Oshitza. "Why are you leading me [away], panie

[21] ?," I ask him. - "Because you are a Zhid [22]," says he, "and all Zhids [22] are Bolsheviks, and one must shoot them all like dogs." - "Where are you leading me, brother?" - "To headquarters." - "And where are the headquarters?" - "In the woods." [23]

Do not forget that, in those days, too, Jewish blood was worthless. A murder did not need to give any reckoning for shooting a Jew. And "into the forest" meant certain death.

He - on [the] horse, and I - on his right. We are already on the new bridge. And the bridge stands already before my eyes. I speak to him as [a] man to [a] man. I beg him, [but] I do not cry. Somehow my source of tears was stopped up. Go, he says for the fifth time. I will still come for you. I thank him. I walk slowly, do not run. My instinct warns me not to run. I expect any moment to get a bullet in my back.

The unbelievable miracle happened. My mother's and sister's tears and my Aunt Sarah's fainting somehow stirred him and I returned to my loved one alive.

---

[1] In this era of the Ukrainian Rebellion, Ukraine achieved an independence it had not had for centuries and would not have again until the fall of the Soviet Union in 1991. It was led by Symon Petliura, during whose rule many great and terrible pogroms occured, which are the subject of this article. Petliura was assassinated as revenge in Paris in 1926 by a son of pogrom victims, Sholom Schwartzbard.
[2] This sentence is even more awkward in the original than it is in translation.
[3] Lit. "artist".
[4] Logically, there is a phrase that is missing here.
[5] An uncertain translation, this seems the most likely one.
[6] The original meaning of this Polish/Ukrainian term was one of a group of Ukrainian rebels in 1768, who also massacred many Jews. Here it refers to a group of Ukrainian rebels in 1917, which named itself for the latter.
[7] Yiddish, translation unknown.
[8] The exact meaning is the equivalent of gluttonous for drink.
[9] Lit. "wide".
[10] Translation uncertain, original has "oisgeneit" which translates literally as "sewn outward" which seems to mean embroidered, but the usual word for this is "geshtikt".
[11] Apparently some sort of cloth.
[12] Yiddish, plural of "kliperl", translation uncertain, apparently not originally Yiddish. Perhaps from the Aramaic/Hebrew "klipa", that is "peel" or "shell", which would mean here "adornments".
[13] "Parshiver" is the Yiddishized version of the Polish "parszywy", which, according to Webster's Online Dictionary, means "lousy, mangy, rotten".
[14] A pejorative word for "Jew", from the usual Polish form "zyd" (pronounced "zhid").
[15] Yiddish exclamation, literally "force" or "power".
[16] Polish, an official somewhat akin to a mayor.
[17] An expression (Yiddish, originally Slavic) of pity.
[18] Original has "hefker", a Talmudic Hebrew/Aramiac legal term meaning "ownerless, free for the taking".

[19] Polish, a noble.
[20] Language and translation unknown.
[21] Polish, "mister".
[22] Polish, "Jew".
[23] Here is a Yiddish phrase that I cannot translate but means literally "Do you here an expression?"

## Minkowitzers Unveil a Matzeva (Tombstone)

מינקאָװיצער אידן דעקן אויף אַ מצבה



AN UNVEILING OF A TOMBSTONE

פון רעכטס צו לינקס — שלמה יאנטלס, שלום שוחט און לייב יאנטלס



**From Right to left: Shlomo Yenteles, Sholom Schochet, and Leib Yenteles**

**We pity what we Loose  ( a Talmudic saying)**




**And for our sins [the sin of hating for no reason]**
**we were exiled from our land**
**and were distanced from our land**

**and our priests**
**no longer go up the steps of our candelabras**
**to light our candles**

**But our everlasting candle**
**the candle of the spirits of our sacred ancestors**
**will burn in our hearts forever**

ומפני חטאינו [חטאת שנאת חנם]
גלינו מארצנו
ונתרחקנו מעל אדמתנו

וכהנינו
אינם עולים על מעלות מנורתנו
להדליק את נרותינו

אבל נר התמיד שלנו
נר נשמות קדושינו -
לעולם יבער בלבנו

Our hero Irving Yossin

# אונזער העלד
# אירווינג יוסין



# OUR HERO!

because here I am ready to put my ~~life~~ life on the line fighting for democracy

Love,
Irv.

# Yiskor יזכור

ביים דערמאָנען אונזערע נפטרים, פאַרגעסן מיר אויך ניט צו דערמאנען
אונזערע 3 יונגע קדושים,

לייזער עקיבה׳ס גערשגארן, מיכל קאפל שלומ׳ס

און

וועלוועלע נחום איצע קלמנ׳ס

וועלכע זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די

רוצחישע הענט אין 1919.

When remembering our dead, we do not forget to remember
Our three young (fallen) saints
Leizer Gershgorn son of Akiva, Michael Koppel son of Shlomo
And
Velvele Nahum son of Itze Kalman
Who were murdered during the
Assassination plot in 1919.

## MR. AND MRS. A. M. PERLMAN

In Memory of Their Beloved Father and Mother



ר׳ מאיר דוב
בר׳ צבי, ע״ה

דאבריש בת ר׳ מרדכי, ע״ה

Meir Dov son of Zvi, may he rest in peace

Dobrish daughter of Mordehai, may she rest in peace

## MR. AND MRS. A. M. PERLMAN

In Memory of Their Brother and Sister



WOVICK



FRIEDA SHULMAN

IN MEMORY OF OUR BELOVED

FATHER AND MOTHER

ELI COIRA and ESTHER COIRA

May Their Souls Rest in Peace

In memory of our beloved parents sister and
brother-in-law David and Sarah Braunstein R.I.P.
Gussie and Leon Kovinsky
Dina and Nathan Sheinheit
Annie and Sam Cohen
Pearl Braunstein
and Pauline & Morris Kuzminsky

# Yiskor                                    יזכור

צום אנדענק פון אונזערע באליבטע עלטערן, שוועסטער און שוואָגער

## דוד און שרה בראונשטיין, ע״ה



דוד, ע״ה

David,
May he rest in peace



שרה, ע״ה

Sarah,
May she rest in peace

גאסי און ליאן קאווינסקי
דינה און נייטען שיינהייט
עני און סעם קאהן
פּוירל בראנשטיין
און פּאולין און מאריס קוזמינסקי

---

Beile, ביילע

Moshe משה

and און

Golde גאָלדע

In memory of their father
אין אָנדענק פון זייער פאָטער

Yitzhak Shtilman R.I.P
## יצחק שטילמאן, ע״ה

# יזכור



## משע דריקמאַן
## משה עובדיה׳ס, ע״ה

זיין גייסט שוועבט איבער אַלע וואוילטעטיגע
זאַכן, וואָס ווערן געטאָן פון מינקאָוויצער
אין אַמעריקע.
ער איז געווען דער, וואָס האָט פאַרזייט גוט-
האַרציגקייט אין די מינקאָוויצער
אָרגאַניזאַציעס.
זאָל זיין ליכט שיינען אויף אייביג!

Moshe Drikman
Moshe, Obadiah's, A"H
His spirit hovers over all beneficial things that are being done by Minkovitzer in America.
He was what spreads kindness in the Minkovitzer organizations.
His light should shine forever!



## בעני ברויטמאן
## ברוך משה יואל׳ס, ע״ה

אַי, ווען בעני וואָלט מיט אונז געווען,
ווי גליקלעך וואָלט דער רעליף געווען!

אין דער באַגייסטערונג פון זיין נשמה וואַ-
רעמען מיר זיך איצט, און מיר טוען דאָס, וואָס
ער וואָלט איצט מיט זיין גאַנצן הארץ געטאָן.

זאָל זיין ליכט קיינמאָל ניט פאַרלאָשן ווערן!

**Benny Broytman**
**Baruch, Moshe Yoel's, A"H**

**Ay, when Benny would be with us,**
**How happy would the relief be!**
**In the enthusiasm of his soul we warm ourselves now,**
**and we do that now which he would have done with his whole heart.**
**His light should never be extinguished!**

# מר. און מרס. ב. פעפער

אין אָנדענק פון זייערע עלטערן

# ר׳ אברהם העסיע

און

# שבע דעם דינ׳ס, ז״ל

**Mr and Mrs. B. Pfeffer**
**A memorial for their parents**

**Rev Avraham Hessia**
**Sheva Dem Dinn's (?)**
**of blessed memory**

# Yiskor יזכור



**MRS. RERTHA ADESSMAN**

AND SON JEROME

In Memory

Of Their Beloved Husband and Father

WILLIAM ADESSMAN

---

MR. and MRS. MORRIS ABELMAN

Chicago

In Memory of their beloved:

FRANK ABELMAN, their father

ELAINE ABELMAN, their daughter

LORRAINE MALITZ, their niece

אין אַנדענק פון אונזערע ליבע עלטערן

פיניע און פעסיע רייזיע וואָלפסאן.

ע״ה

די קינדער

**A memorial for our dear parents**
**Pinnia and Pessia Raiza Wolfson,**
**of blessed memory**
**from the children**

Yiskor — יזכור

Yankel and Leah'ke
in memory of their parents
Michal Dintsin, A"H
Freyde Dintsin, A"H
תנצב"ה "May his soul be bound up in the bond of eternal life"

פון יאנקל און לייקע דיק

אין אָנדענק פון זייערע עלטערן

מיכל דינצין, ע"ה

פריידע דינצין, ע"ה

תנצב"ה

(מיכל יחזקאל'ס)





אהרן בר' יצחק גאטליב, ע"ה — יענטע בת ר' ישראל דינצין, ע"ה

Aharon ben Reb Yitzhak Gomlib, A"H — Yente bas Reb Yisroel Dintsin, A"H

מיכאל יחזקאל'ס טאָכטער און איידעם

לאה'ס שוועסטער מיטן מאַן



Michal, Yekhezel's Daughter and Son-in-law
Leah's Sister With Her Husband

# יעקב און לאה דיק

אין אָנדענק פון זייערע עלטערן

## יצחק מאיר בר׳ יעקב, ע״ה

## רחל בת ר׳ שמואל, ע״ה

תנצב״ה

**Yaakov and Leah Dick,**
**In memory of their parents**
**Yitzchak Meir son of Yaakov A"H**
**Rochel daughter of Shmuel A"H**

["May his soul be bound up in the bond of eternal life"]

# זיידע, אברהם יהודה׳ס און זיין פרוי

אין אָנדענק פון זייער פאָטער

## אברהם יהודה בר׳ יוסף, ע״ה

תנצב״ה

**Grandfather, Avraham Yehudas and his wife**
**a memorial to their father**
**Avraham Yehuda ben Yosef**

IN MEMORY OF OUR

BELOVED HUSBAND AND FATHER

**SAMUEL TILLMAN**

May his soul rest in peace

***Wife and Children***

Mr. and Mrs. Morris Gekht
In memory of their brother Hershl with his family, which were murdered by the hand of the Nazis.

YISKOR

# יזכור



## מר. און מרס. מאריס געכט

אין אנדענק פון זייער ברודער **הערשל** מיט
זיין **פאַמיליע**, וועלכע זיינען אומגעקומען
דורך די נאַצישע הענט.

און אין אנדענק פון זיין ברודער **חיים**, וואָס
איז העלדיש געפאַלן אין קאַמף געגן די
נאַציס דעם 23־טן יאַנואַר 1944.

And in memory of their brother Chaim, who fell heroically in the fight against the Nazis on January 23, 1944.



## מר. און מרס. פאַלעק

אין אנדענק פון זייער מוטער

Mr. and Mrs. Faleck
In memory of their mother

ביילע פאַלעק, ע"ה

Beyle Faleck, A"H

Mr. and Mrs. Faleck
In memory of Mrs. Faleck's parents

**Yiskor** יזכור

## מר. און מרס. פאַלעק

אין אנדענק פון מרס. פאַלעקס עלטערן



שמואל און איטע רעכניעס (וועקסלער)

Shmuel and Ite Rekhnyes (Wexler)

אין אנדענק פון אונזער פאָטער

## ישראל שלומ׳ס, ע״ה

In memory of our father
Yisroel, Sholem's, A"H
The children

די קינדער

הנני בזה להביע ברכה, בלב מלא רגשי אהבה לועד
העזרה של המינקובצאים, לרגלי סעודת נשף הנצחון.
כי אין לשער את גודל העבודה להקים ולהחזיק את
אחינו קרובינו ויקירי נפשנו שנצלו מן כל הגרמים
המשחיתים. שרצו לבלעם חיים, ושנשארו בחיים -
למרות כל הימים האלה שהוו לבוז ומשוסה לרגלי
חזירי יער. ואתם חברי הועד! הבינותם לנחיצות
הדבר ואיך למצא אמצעים שנוכל לתת לאחינו
שארית עלי אדמות. ומתכון אני בברכה זו
כלפי התורמים והמנדבים, להעומדים בראש המוסד,
לחברי ועד הפועל, לנשים היקרות מהאקזלבי.
ולכל העוזרים והתומכים. ותודה לאל: כי עדיין
יש לנו אנשים, המוסרים זמנם, כוחם וכל נפשם
ומאדם. ורואים הם לעברה וברכה משלשלת.
והוא רצוי שכל אלה העוזרים והפושטים את
ידיהם לאמללים כאלה, שיתברכו בכל מילוי משאלותם.
ומובטחים אנו להודות, כי לרגלי השתדלותנו ועבודתנו
בלי לאות תמיד, עירתנו עלתה למדרגה רמה.
ובת הערך, והיא נמנית לאחת מהערים שוצאה
לה מוניטין - חברים יפים ונכבדים! טובי נדיבי לב!
הבטחון והנסיון מרשה אותי ונותן לי האומץ לקרא לכם -
אל תעמדו מרחוק! באו לעזרתנו; בהון ועבודה,
בעצה ותושיה, אנו זקוקים לכם. גורל אחינו והעתיד
שלהם, תלוי בכם ורק בכם. הקדימו! את "נעשה לנשמע"
כי אתם הנכם המאושרים, והם הם האומללים. תחזקנה
ידיכם: חלופי הועד, חברי ההנהלה, וכל החברים העוזרים בעבודה
מסורה, והעוזר באהבה. מאת אוהבכם ומכבדכם יעקב פוג

I'm hereby expressing greetings, with a heart full of feelings of love to the Assistance Committee of the Minkovitzers, for the Victory Ball Dinner.

There is no describing the amount of work to help and support our brothers, family members and dear ones who survived all the destructive forces who wanted to swallow them alive and who remained alive - despite all those days which were a shame and disgrace because of the pigs of the forests.

And you, members of the committee! You have understood the necessity of the matter and how to find the means with which we could give our brothers the means to continue living on this earth. I mean to direct this praise to all the contributors and volunteers, to those in the organization administration, to the members of the executive committee, the dear women of the Auxiliary and all the helpers and supporters. And thank God! that we still have people who donate their time, their strength and all their soul and might. They deserve much praise and treble recognition. And let it be known that all these helpers and those who stretch out their hands to such desparate ones, may they be blessed by the up-high in all they do. And we must acknowledge that as a result of our attempts and constant labour without slacking, our little town was elevated to a high position of much worth, and it is counted as one of the towns whose fame went out. Dear and honoured friends! Those of good heart and righteousness! The certainty and experience empowers me, and gives me the courage to call you - do not stand from afar. Come to our help, with money and with work, with advice and support. We need you - the fate of our brothers and their future depends on you, and only on you. Keep the obeying before the hearing [this refers to Exodus 24:7 - *Then he took the Book of the Covenant and read it to the people. They responded, "We will* **do** *everything the LORD has said; we will* **obey***."*. *In the original Hebrew, the people response is to be directly translated as: "we will obey; we will hear", meaning they said they'd obey even before they heard what to obey to – translator*], because you are the lucky ones, and they, they are the desparate ones. . You should be supported, the pioneers of the Committee, members of the Management, and all the members helping with the devoted work, above all with love.

From the one who loves and honours you

Yaakov ?? Tzik??

די מיטגלידער פון

# מינקאָוויץ־פּאָדאָליער פאַראיין
# אין דעטראָיט

ווינטשן אייך דערפאָלג אין אייער

גרויסער אונטערנעמונג

The members of Minkowitz-Padolier Vereine (ie club) in Detroit
Wishes you success in your
great undertaking

# דער פאַראייניגטער מינקאָוויץ-פּאָדאָליער רעליף
# אין פילאַדעלפיע

ווינטשט אייך דערפאָלג צו אייער גרויסער אונטערנעמונג

עקזעקוטיוו קאָמיטעט

**The United Minkowitz-Podolyer Relief**
**in Philadelphia**
**Wishes you success in your great undertaking.**
**Executive Committee**

---

מיר גיבן אנערקענונג די אַלע, וועלכע האָבן אנטייל גענומען אין דער גרויסער און שווערער אונטערנעמונג, און געבראַכט איר צו דער-פאָלג. מיר דערמאָנען ניט קיין ספּעציפישע נעמען, ווייל אַלע אונזערע איבערגעגעבענע טוער האָבן, ווער מער, ווער ווייניגער זיך באַטייליגט. אַ האַרציגן דאַנק אייך אַלעמען.

מאָריס מיידן
טשערמאַן פון אָרגאַניזירונגס קאָמיטעט

**We give acknowledgement to all who have participated in the great and difficult undertaking, and brought you to success. We don't mention any specific names, because all have been active, who more, or who less taken part. A hearty thanks to you all.**
**Morris Meydn**
**Chairman of Organizing Committee**

**Greetings from an executive member -**

**On the occasion of our victory banquet, I greet our relief organization, also the Minkowitzer Society Ladies Auxiliary and all the landsleit for their noble work in dispensing the necessary**

**help to our unfortunate sisters and brothers in the old country.**
**I hope that we will continue such wonderful activities in the future.**

**JACK MANDEL**

[Translator:] It's interesting to note that already the writer uses English words transliterated into Yiddish in this short paragraph.
I have underlined those words.



Greetings from

**ARTHUR and MYRA DRICKMAN**



## באַגריסונג פון אַן

## עקזעקוטיוו מיטגליד

צו דער געלעגנהייט פון אונזער וויקטאָרי באַנקעט באַגריס איך אונזער רעליעף אָרגאַניזאַציע, אויך דער מינקאָוויצער סאָסייעטי, לײדיס אָקזילערי און אַלע לאַנדסלייט פאַר זייער נאָבעלער אַרבעט פון שאַפן די נויטיגע הילף פאַר אונזערע אומגליקלעכע שוועסטער און ברידער אין דער אַלטער היים.

איך האָף אַז מיר וועלן אויך ווייטער פאָרזעצן די שיינע טעטיגקייט.

**דזשעק מאנדעל**

GREETINGS FROM BELLA FINKEL AND HER FRIENDS

**Minkovitser Landsleit in America and Minkovitser Landsleit in Europe.**

מינקאָוויצער לאַנדסלייט אין אַמעריקע

און מינקאָוויצער לאַנדסלייט אין אייראָפּע

